גליון על

# הל' שבת

## באידיש סי' רמ"ח



## מכון שלחן המלך

להוצאת תורות על הלכה וש"ס והשקפה של מו"ה הבחור

## הגאון ר' אהרן הכהן קאהן שליט"א

מחבר ספר הרבה דרכים וספר שלחן המלך וגליונות

לז"נ זקיני הרה"ק ר' יחיאל מיכל מזלאטשוב זצוק"ל
וזקיני הגה"ק ר' חיים מוואלאזין זצוק"ל

**אֲבָל לְדְבַר הָרְשׁוּת אֵין מַפְלִיגִין בִּסְפִינָה פָּחוּת מִשְּׁלֹשָׁה יָמִים**

שוין געטון זיינס מיט דעם וואס ער האט זיך אפגעמאכט מיט'ן קאפיטאן אז ער זאל נישט פארן אין שבת][ב]. **אֲבָל לְדְבַר הָרְשׁוּת** אבער אויב ער פארט צו א 'רשות' [א זאך וואס עס איז נישט קיין מצוה], **אֵין מַפְלִיגִין בִּסְפִינָה פָּחוּת מִשְּׁלֹשָׁה יָמִים קֹדֶם הַשַּׁבָּת** טאר ער נישט ארויספארן אין די דריי טעג

## פסקי המלך

אבער ווען עס איז שוין אדורך דריי טעג איז מען שוין געוועגליך צוגעוואוינט צו די אויפשאקלונג פונעם שיף און מען קען שוין עסן געהעריג, און דער רמב"ם (פ"ל מהלכות שבת הי"ג) ברענגט אויך די טעם.

ד) די איסור פון זיך ארייגלייגן אין א מצב פון פיקוח נפש

דער בעל המאור זאגט, אז די טעם פארוואס מען טאר נישט ארויספארן אין די דריי טעג נאנט צו שבת איז וויבאלד א ים איז דאך א מקום סכנה און אסאך מאל אינמיטן פארן מאכן זיך שטורעמס וכדו' און מען דארף טון פעולות און מלאכות זיך צו ראטעווען פון די סכנה, און אוודאי בשעת עס מאכט זיך די סכנה מעג מען מחלל שבת זיין וויבאלד פיקוח נפש איז דאך דוחה שמירת שבת, אבער מען טאר זיך נישט לכתחילה אריינלאזן פאר שבת אין א מצב וואו מען גייט לכאו' דארפן מחלל שבת זיין.

די דריי טעג נאנט צו שבת הייסן 'פאר שבת'

דער בעל המאור איז מסביר, אז פאר דריי טעג נאנט צו שבת מעג מען יא ארויספארן וויבאלד עס שטייט אין די גמרא (גיטין עז.) אז די ערשטע דריי טעג פון די וואך (זונטאג, מאנטאג, דינסטאג) הייסן 'נאך שבת', און די צווייטע דריי טעג פון די וואך (מיטוואך, דאנערשטאג, פרייטאג) הייסן 'פאר שבת', ממילא ווען מען פארט ארויס אין די צווייטע האלב פון די וואך וואס עס הייסט שוין פאר שבת, דעמאלטס דארף מען זיך רעכענען אז עס קען זיין אז מען וועט דארפן מחלל שבת זיין, אבער ווען מען האלט נאך אין די ערשטע דריי טעג פון די וואך וואס דעמאלטס הייסט נאכנישט פאר שבת דארף מען זיך נישט רעכענען דערמיט.

ה) דער גוי ארבעט שבת פאר'ן איד

דער ר"ן (שם) און אויך דער רבינו ירוחם ברענגען בשם דעם רמב"ן, אז די טעם פארוואס מען טאר נישט ארויספארן אין די דריי טעג נאנט צו שבת איז, וויבאלד מען רעדט ביי אן אופן וואס דער איד האט אפגעדינגען פאר זיך די שיף, און ממילא טאר ער נישט פארן אין שבת וויבאלד עס קומט אויס אז דער גוי ארבעט פאר'ן איד אין שבת.

די חילוק פון אין די דריי טעג נאנט צו שבת און פארדעם

לויט דעם טעם דארף מען פארשטיין פארוואס איז מותר ארויסצופארן פאר דריי טעג נאנט צו שבת. נאר באמת רעדט מען דא פון א קבלן וואס דער גוי באקומט באצאלט פאר'ן ארבעט, און א קבלן איז דאך מותר צו טון א מלאכה פאר'ן איד אין שבת, אבער מען טאר נישט זאגן פאר'ן קבלן אז ער זאל טון א מלאכה פאר'ן איד אין שבת און אין די דריי טעג נאנט צו שבת קוקט אויס ווי ער הייסט פאר'ן גוי צו גיין אין שבת, אבער פאר דריי טעג נאנט צו שבת איז מותר [וויבאלד עס הייסט נישט ווי ער זאגט פאר'ן גוי זאל ארבעטן אין שבת].

**ב.** עס שטייט אין מחבר אז ווען מען פארט פאר א דבר מצוה מעג מען ארויספארן אפילו אין די דריי טעג נאנט צו שבת, אבער פאר מען פארט ארויס דארף מען זיך אויסנעמען מיט'ן קאפיטאן פונעם שיף אז ער זאל רוען אין שבת און די שיף זאל נישט דעמאלטס פארן, אבער אויב נאכדעם אין שבת פאלגט נישט דער קאפיטאן נאר ער פארט ווייטער איז עס גארנישט.

## פסקי המלך

##### ווען מען פארט ארויס דאנערשטאג דארף מען זיך אויך אויסנעמען מיט'ן קאפיטאן

דער ט"ז (סק"א) לייגט צו, אז אפילו אויב מען פארט נישט ארויס ממש ערב שבת, נאר מען פארט ארויס דאנערשטאג אדער מיטוואך, דארף מען זיך אויך אפמאכן מיט'ן קאפיטאן אז ער זאל נישט פארן אין שבת.

##### די חילוק פון סתם א קבלן, און ביי די אופן פון א קבלן ביי א שיף

דער ט"ז פרעגט, אז לכאו' דארף מען פארשטיין פארוואס דארף מען זיך אפמאכן מיט'ן קאפיטאן אז ער זאל נישט פארן אין שבת, מען רעדט דאך דא אז דער קאפיטאן איז א קבלן [מען צאלט אים א געוויסע סכום געלט פאר'ן גאנצן נסיעה] און מיר האבן שוין געהאט אסאך מאל דערמאנט אז מען מעג איבערגעבן ערב שבת א כלי פאר א קבלן צו פאררעכטן, און אפילו אויב מען ווייסט אז ער גייט עס אויך פאררעכטן אין שבת איז עס מותר, וויבאלד איך הייס אים נישט עס טון אין שבת, ממילא איז שווער אז דא זאל אויך זיין מותר צו פארן מיט די שיף, אפילו אויב איך הייס אים נישט רוען אין שבת. ענטפערט דער ט"ז, אז דא איז אנדערש, וויבאלד דער איד זיצט אין די שיף וואס פארט אין שבת איז דאס אסאך הארבער [און עס איז אנדערש ווי מען גיבט א בגד פאר א גוי צו פאררעכטן וואס דער גוי טוט דאס ביי זיך אינדערהיים], און וועגן דעם וואס מען קען נאר טון האט מען געהייסן טון.

##### די הלכה פון ארויספארן אין שבת

דער מג"א (סק"א) זאגט, אז שבת אליינס טאר מען אבער נישט ארויספארן אפילו פאר א דבר מצוה, וויבאלד די הלכה איז אז אפילו אויב מען פארט ארויס פאר שבת דארף מען זיך אויסנעמען מיט'ן קאפיטאן אז ער זאל נישט פארן אין שבת, איז דאך פארשטענדליך אז מען טאר נישט ארויספארן אין שבת אליינס [עס איז דאך נישט שייך זיך אויסצונעמען אז ער זאל נישט פארן, וויבאלד ער פארט דאך יא יעצט ארויס].

##### דאס אז מען דארף זיך אויסנעמען מיט'ן קאפיטאן איז מעכב בדיעבד לויט דעם מג"א

פון דעם מג"א איז משמע אז ער האלט אז דאס וואס מען דארף זיך אויסנעמען מיט'ן גוי איז מעכב אפילו בדיעבד, און ממילא קומט אויס לויט דעם מג"א אז אויב מען פארט ארויס פאר שבת און מען נעמט זיך דעמאלטס אויס מיט דעם קאפיטאן, און מען ווייסט אויף זיכער אז דער קאפיטאן גייט נישט פאלגן, איז אסור ארויסצופארן אפילו אויב עס איז א 'דבר מצוה'.

##### די הכרעה פונעם שלחן ערוך הרב

דער שלחן ערוך הרב (קו"א סק"א) ברענגט אבער, אז עס זענען דא אסאך שיטות וואס קריגן זיך אויף דעם מג"א, און דער שלחן ערוך הרב איז מכריע (ס"א) אז ביי אן אופן וואס עס איז דא א חשש אז אויב ער גייט נישט פארן יעצט מיט די שיף וועט ער נישט קענען טון די מצוה [וואס ער וויל פארן צו טון], מעג ער ארויספארן מיט די שיף אפילו אויב ער קען זיך נישט אפמאכן מיט דעם קאפיטאן אז ער זאל נישט פארן אין שבת.

##### אויב ער וועט זיין צו שאנד און שפאט ביי די גוים

עס שטייט אין שו"ת חוט המשולש (שו"ת תשב"ץ טור ג' שאלה י"א), אז ביי אן אופן וואס מען פארט מיט אסאך גוים אין א שיף און אויב ער וועט זיך גיין אויסנעמען מיט דעם קאפיטאן וועט ער זיין צו שאנד און צו שפאט פאר די גאנצע עולם דארטן אויפ'ן שיף, און עס וועט גארנישט אויפטון דאס וואס ער וועט זיך אויסנעמען, ביי דעם אופן דארף ער זיך בכלל נישט אויסנעמען.

קֹדֶם הַשַּׁבָּת. הגה: אֲבָל קֹדֶם שְׁלֹשָׁה יָמִים שָׁרֵי, אֲפִלּוּ בִּסְפִינָה שֶׁמּוֹשְׁכִים אוֹתָהּ עַל יְדֵי בְּהֵמוֹת, וַאֲפִלּוּ אֵין בְּגֹבַהּ הַמַּיִם עֲשָׂרָה טְפָחִים (מַהֲרִי״ק שֹׁרֶשׁ מ״ה) וַאֲפִלּוּ בְּמָקוֹם שֶׁיִּצְטָרֵךְ הַיִּשְׂרָאֵל לַעֲשׂוֹת אַחַר כָּךְ מְלָאכָה בְּשַׁבָּת לְהוֹלִיךְ הַסְּפִינָה (ריב״ש סִימָן קנ״ג). **וְאִם הוּא דֶּרֶךְ מוּעָט, כְּמוֹ מִצּוֹר לְצִידוֹן שֶׁאֵין בֵּינֵיהֶם כִּי אִם מַהֲלַךְ יוֹם אֶחָד, מֻתָּר לְהַפְלִיג בְּעֶרֶב שַׁבָּת בַּבֹּקֶר, מִפְּנֵי שֶׁאֶפְשָׁר שֶׁיַּגִּיעַ שָׁם קֹדֶם הַשַּׁבָּת; וּמָקוֹם שֶׁנָּהֲגוּ שֶׁלֹּא**

נאנט צו שבת. (רמ״א) הגה, **אֲבָל קֹדֶם שְׁלֹשָׁה יָמִים שָׁרֵי** אבער פאר דריי טעג נאנט צו שבת מעג ער יא ארויספארן [ג], **אֲפִלּוּ בִּסְפִינָה שֶׁמּוֹשְׁכִים אוֹתָהּ עַל יְדֵי בְּהֵמוֹת** אפילו אויב ער פארט מיט א שיף וואס ווערט געשלעפט דורך בהמות [די שיף פארט צו צום ברעג דורכדעם וואס מען בינדט עס צו צו די בהמות און זיי שלעפן עס צו ביז׳ן ברעג], **וַאֲפִלּוּ אֵין בְּגֹבַהּ הַמַּיִם עֲשָׂרָה טְפָחִים** אפילו אויב די וואסער איז א נידריגע וואסער און די שיף פארט א גאנצע צייט נידריגער ווי צען טפחים ביז צום ערד [וואס ביי דעם איז דא די איסור פון תחומים], **וַאֲפִלּוּ בְּמָקוֹם שֶׁיִּצְטָרֵךְ הַיִּשְׂרָאֵל לַעֲשׂוֹת אַחַר כָּךְ מְלָאכָה בְּשַׁבָּת לְהוֹלִיךְ הַסְּפִינָה** און אפילו אויב ער פארט אין א שיף וואס ער וועט דארפן טון אין שבת ׳מלאכות׳ צו פירן דעם שיף [וויבאלד עס וועט זיין א שאלה פון ׳פיקוח נפש׳, און אפילו עס זענען דא די אלע אויבנדערמאנטע חסרונות מעג מען ארויספארן אויב עס איז אין די ערשטע דריי טעג פון די וואך]. (זאגט דער מחבר ווייטער) **וְאִם הוּא דֶּרֶךְ מוּעָט כְּמוֹ מִצּוֹר לְצִידוֹן** אויב עס איז א קורצע וועג אזויווי פון שטאט צור צום שטאט צידון [די שטעט צור און צידון זענען צוויי שטעט ביים ברעג פונעם ים הגדול], **שֶׁאֵין בֵּינֵיהֶם כִּי אִם מַהֲלַךְ יוֹם אֶחָד** וואס עס דויערט נאר איין טאג צו פארן פון איין צום צווייטן, **מֻתָּר לְהַפְלִיג בְּעֶרֶב שַׁבָּת בַּבֹּקֶר** מעג מען ארויספארן אויף אזא קורצע וועג אפילו ערב שבת אינדערפרי, **מִפְּנֵי שֶׁאֶפְשָׁר שֶׁיַּגִּיעַ שָׁם קֹדֶם הַשַּׁבָּת** וויבאלד עס איז מעגליך אז ער זאל נאך אנקומען פאר שבת, **וּמָקוֹם שֶׁנָּהֲגוּ שֶׁלֹּא לְהַפְלִיג בְּעֶרֶב שַׁבָּת כְּלָל אֲפִלּוּ דֶּרֶךְ מוּעָט** אבער ביי אזעלכע פלעצער וואו מען

פסקי המלך

וועז איז די דריי טעג נאנט צו שבת

**ג.** דער מחבר אין סעיף ד׳ זאגט אז די דריי טעג נאנט צו שבת מיינט מען פון מיטוואך און פון דעמאלטס טאר מען שוין נישט ארויספארן נאר לצורך מצוה [און דאס מיינט אז מען זאל נאך ארויספארן דינסטאג פאר׳ן זמן מעריב]. אבער דער עולת שבת האלט אז דריי נאנט צו שבת מיינט פון דאנערשטאג, אבער מיטוואך הייסט נאך פאר די דריי טעג נאנט צו שבת און דעמאלטס מעג מען נאך ארויספארן אפילו אויב מען פארט נישט לצורך מצוה. און דער מג״א (סק״ב-ג׳) פסק׳נט ווי דער מחבר.

פירט זיך נישט ארויסצופארן ערב שבת אפילו גאר א קורצע וועג, אֵין מַפְלִיגִין דארף מען זיך פירן ווי די 'מנהג המקום' און מען טאר נישט ארויספארן[ד].

**סעיף ב.** אין דעם סעיף וועט שטיין די טעמים פארוואס מען טאר נישט ארויספארן אין די דריי טעג נאנט צו שבת

ב הָא דְּאֵין מַפְלִיגִין בִּסְפִינָה פָּחוֹת מִשְּׁלֹשָׁה יָמִים קֹדֶם הַשַּׁבָּת דאס וואס מען טאר נישט ארויספארן מיט א שיף וויניגער ווי דריי טעג נאנט צו שבת [וועון מען פארט צו א רשות], הַטַּעַם מִשּׁוּם עֹנֶג שַׁבָּת די טעם איז וועגן עונג שבת, שֶׁכָּל

## לְהַפְלִיג בְּעֶרֶב שַׁבָּת כְּלָל, אֲפִלּוּ דֶּרֶךְ מוּעָט, אֵין מַפְלִיגִין.

## ב הָא דְּאֵין מַפְלִיגִין בִּסְפִינָה פָּחוֹת מִשְּׁלֹשָׁה יָמִים קֹדֶם הַשַּׁבָּת, הַטַּעַם מִשּׁוּם עֹנֶג שַׁבָּת, שֶׁכָּל

### פסקי המלך

אפילו עס איז נישטא קיין גוטע וועטער

**ד.** עס איז געשטאנען אין שלחן ערוך אז א קורצע וועג מעג מען פארן אפילו ערב שבת. דער מג"א (סק"ה) איז מסביר, אז ביי אן אופן וואס עס איז דא א גוטע וועטער און עס איז זיכער אז מען וועט קענען אנקומען פאר שבת צו די אנדערע שטאט דעמאלטס איז דאך פשוט אז מען מעג ארויספארן אפילו פרייטאג און ביי דעם וואלט דאך דער מחבר נישט געדארפט זאגן אז מען מעג, נאר די היתר איז אפילו ביי אן אופן וואס עס איז נישטא יעצט קיין גוטע וועטער און עס איז דא א ספק צי ער וועט קענען אנקומען פאר שבת אפילו אזוי איז עס מותר וויבאלד די איסור צו פארן מיט א שיף אין שבת איז נאר א דרבנן.

די וועג דויערט צוויי טעג

אין מחבר שטייט אז אויב די וועג דויערט איין טאג מעג מען ארויספארן פרייטאג, און עס איז פשט אז די זעלבע איז ווען די וועג דויערט צוויי טעג וועט מען מעגן ארויספארן דאנערשטאג. און אזוי שטייט אויך אין ספר התרומות (סי' רכ"ה).

די מנהג איז מקיל צו זיין

עס שטייט אין בית יוסף, אז עס איז געווען איינגעפירט אין זיינע צייטן אז מען איז מקיל אז מען פארט ארויס אפילו אין די דריי טעג נאנט צו שבת אפילו אויב עס איז נישט לצורך מצוה. און דער בית יוסף פרובירט מסביר צו זיין פארוואס מען האט מקיל געווען.

די הלכה פון פארן אויף א שיף היינטיגע צייטן

היינטיגע צייטן איז אסאך גרינגער צו מעגן ארויספארן מיט א שיף אין די דריי טעג נאנט צו שבת, וויבאלד היינט פארן די שיפן אין וואסערן העכער ווי צען טפחים פון די ערד. און אזוי אויך האבן די שיפן א באשטימטע צייט ווען זיי פארן און ממילא פארן זיי נישט פאר די אידן וואס געפינען זיך דארט. און אזוי ברענגען די פוסקים (ערוך השלחן כאן, וקצוה"ש סימן ק"ד סק"ג), אז די מנהג איז מקיל צו זיין דערין [און הגם לויט די טעם פון דעם רי"ף אז מען טאר נישט ארויספארן אין די דריי טעג נאנט צו שבת איז וועגן 'עונג שבת' וויבאלד די ערשטע דריי טעג ווען מען פארט אויף א שיף ווערט מען אויפגעשאקלט, איז לכאו' היינטיגע צייטן אויך די זעלבע זאך אז מען ווערט אויפגעשאקלט און מען וואלט נישט געמעגט ארויספארן אין די דריי טעג. אבער דער כה"ח (סקי"ח) ברענגט שוין, אז די מענטשן וואס פירן די שיפן וכדו' און זיי זענען צוגעוואוינט צו פארן שטענדיג און די מציאות איז אז זיי ווערן נישט אויפגעשאקלט

## פסקי המלך

זיי מעגן יא פארן אפילו אין די דריי טעג נאנט צו שבת. אויב אזוי איז לכאו׳ קען מען אויך פון דעם ארויסלערנען אויף היינטיגע צייטן ווען די שיפן זענען מער אהערגעשטעלט און מאדערניזירט און עס פארט אסאך רואיגער קען מען לכאו׳ מקיל זיין (כ״כ הפ״ת, ועי׳ גם בערוה״ש שכ׳ טעם אחר).

### היינט וואס עס זענען דא עראפלאנען זאל מען שוין נישט פארן מיט קיין שיף אין שבת

אבער עס זענען דא היינטיגע פוסקים וואס זאגן אז וויבאלד היינטיגע צייטן איז אזוי גרינג צו פארן פון איין עק וועלט צום אנדערן מיט אן עראפלאן, איז נישט כדאי מקיל צו זיין ארויסצופארן מיט א שיף נאנט צו שבת, און נאר אין די פריערדיגע יארן וואס די איינציגסטע וועג אנצוקומען אין ווייטע מקומות איז געווען דורך א שיף, וועגן דעם האט מען מקיל געווען (כן הורה הגרי״ש אלישיב בקובץ תשובות ח״ג סי׳ ל״ח). און למעשה אויב מען פארט סתם פאר א וואקאציע איז יא כדאי מחמיר צו זיין און נישט פארן אין די דריי טעג נאנט צו שבת [אבל כשהולך לסחורה, כבר הביא הרמ״א לקמן סעיף ד׳ שיטה דנחשב למצוה].

### די הלכה פון פארן אין א טרעין שבת

דער חת״ס (בתשובות ח״ו סימן ס״ז) שרייבט, אז מען טאר נישט פארן אין א טרעין אין שבת אפילו ביי אן אופן וואס מען פארט נישט חוץ לתחום און אפילו מען פארט לצורך מצוה. און ער זאגט דארט א שטארקע הסבר פארוואס עס איז אנדערש ווי פארן מיט א שיף וואס מען האט יא מתיר געווען צו פארן אין שבת, וויבאלד א שיף איז א גרויסע פלאץ וואו עס ווערט דארט ממש זיין הויז, אבער ביי א טרעין וואס עס איז א קליינע פלאץ איז עס אסור, און ער ברענגט דארט א רמב״ן (ויקרא כג-כד) וואס איז מסביר אז די כוונה פון די תורה מיט׳ן אנרופן שבת קודש א יום ׳שבתון׳ איז אז שבת זאל זיין א יום שביתה ומנוחה און מען זאל עס נישט מאכן וואכנדיג, און ווען מען פארט מיט א טרעין אין א קליינע פלאץ איז נישט מעגליך זיך צו פירן דארט אין שבת אזויווי א געווענליכע שבת, נאר די שבת ווערט ממש וואכנדיג.

### די הארבקייט פון מזלזל זיין צו פארן מיט א טרערן שבת

און אזוי האבן אויך אנגענומען אלע פוסקים נאך דעם חת״ס, אז מען זאל חס ושלום נישט מקיל זיין צו פארן מיט א טרעין אין שבת, אפילו אויב מען וויל נאר פארן א קורצע וועג, און אפילו אויב די טרעין פארט סייווי ארום די שטאט און ער דארף נישט טון קיין מלאכה בשעת ער פארט. און געוויסע פוסקים זאגן די לשון (שו״ת חלקת יעקב ח״ג סי׳ קל״ז) אז וויבאלד גאנץ כלל ישראל האט אנגענומען אז עס איז אסור איינער וואס איז מזלזל דערין איז עס כמעט אזויווי ער האט עובר געווען אויף אן איסור תורה.

### פארן מיט א שטאטישע באס אין שבת

דער אגרות משה (חיו״ד ח״א סי׳ מ״ד) רעדט אויך פון פארן אויף די שטאטישע באסעס אין שבת, אז אפילו די באסעס פארן סייווי ארום, און אפילו אויב ער דארף גארנישט צאלן און עס פארט נישט ארויס חוץ לתחום איז עס נאכאלץ אסור וויבאלד עס איז א ׳מעשה חול׳ און א ׳חילול השם׳ ח״ו.

### פארן אין א קאר שבת

די זעלבע זאגן די היינטיגע פוסקים בנוגע פארן מיט א קאר אין שבת, אפילו ביי אן אופן וואס מען טוט נישט קיין שום איסור, און אפילו אויב מען וועט אננעמען אז דורכדעם וואס ער גיבט צו וואג ווערט נישט גענוצט מער כח פונעם מאטאר צו ארבעטן, אפילו אזוי איז אסור צו פארן דערין אין שבת, וויבאלד עס איז אן עובדא דחול און א זלזול אין שבת.

## פסקי המלך

בײַ פרייע אידן וואס ווערן ערליך קען מען מקיל זיין

אמאל מאכט זיך בײַ פרייע אידן ווען זיי הייבן אן זיך צוריקצוקערן צום שורש, און זיי הייבן זיך אן פירן אידישלעך, און זיי קומען צום בית המדרש אין שבת צו דאווענען, אדער צו היימישע שטיבער עסן און מיטהאלטן די סעודות, איז אמאל שווער פאר זיי נישט צו פארן אויפ׳ן טרעין, אדער אויפ׳ן באס וכדו׳ צו קומען, וויבאלד אמאל איז די וועג היבש ווייט, בײַ די אופנים זאגן די פוסקים אז מען דארף נישט מוחה זיין אויב זיי זענען מקיל צו פארן אויפ׳ן טרעין וכדו׳ [כן הורו הגר״מ פיינשטיין זצ״ל והגרש״ז אויערבאך זצ״ל ועוד, הובא בקובץ בית אהרן וישראל (נ״ג)].

די יסוד פונעם איסור ׳לפני עור לא תתן מכשול׳

הגאון ר׳ משה שטערנבוך שליט״א (שו״ת תשובות והנהגות ח״א סי׳ שנ״ח) זאגט נאך מער, פאר א בעל תשובה וואס האט אים אנגעפרעגט, אז ער וויל אײַנלאדענען זײַנע פרייע עלטערן צו זײַנע סעודות אין שבת, נאר ער ווייסט אז זיי וועלן קומען צו פארן מיט זייערע קארן, צי מעג ער מקיל זיין צו רופן וויבאלד ער האט אינזין זיי צו דערנענטערן צו אידישקייט און צוביסלעך וועלן זיי ווערן בעלי תשובה, אדער איז עס אסור אלס ׳לפני עור לא תתן מכשול׳, און הגאון ר׳ משה ענטפערט אים א מורא׳דיגע יסוד, אז די איסור פון לפני עור וגו׳, איז נאר ווען ער וויל אים טאקע מכשיל זיין [אזוי ווי דער פסוק רעדט אז מען טאר נישט לייגן קיין שטרויכלונג אין פארנט פון א בלינדער מענטש], אבער אויב זיין גאנצע כוונה איז נאר לטובה אז ער וויל דורכדעם דערנענטערן זײַנע עלטערן צו אידישקייט, איז עס מותר, אבער ער זאל זיי זאגן אז ער האט א צער אויב זיי קומען מיט א קאר, און אפילו אויב ער ווייסט אז זיי וועלן אים נישט פאלגן נאר קומען מיט׳ן קאר איז נישטא דערבײַ די איסור פון לפני עור.

די איסור פון חילול השם

אבער די איסור פון חילול השם איז יא דא, וועגן דעם זאל ער זיי זאגן אז זיי זאלן נישט פארקן די קאר נעבן זיין הויז נאר ארויפצי, אזוי אז אנדערע מענטשן זאלן נישט באמערקן אז זיי קומען צו פארן וועגן אים, און בײַ די סעודה זאל ער רעדן צו זיי די הארבקייט פון חילול שבת, און די זיסקייט פון היטן תורה ומצוות, און בעזרת השם יתברך וועלן זיי צוריקקומען אויפ׳ן ריכטיגן דרך.

די הכרעה פון די גדולי הפוסקים

אבער זייער אסאך פוסקים האבן יא מחמיר געווען אפילו אין דעם פאל, און זיי האבן געהאלטן אז אויב מען ווייסט אז זיי גייען מחלל שבת זיין איז אסור זיי אײַנצולאדענען. אבער אויב עס איז נישט זיכער אז זיי גייען מחלל שבת זיין קען מען מקיל זיין (עי׳ שו״ת אגר״מ או״ח ח״א סי׳ צ״ט, ובשו״ת שבט הלוי חלק ח׳ סי׳ קס״ה אות ו׳, וע״ע חשוקי חמד פסחים כב:).

פארן מיט אן עראפלאן שבת

די זעלבע רעדן די היינטיגע פוסקים בנוגע צי מען מעג פארן אין אן עראפלאן שבת. דער מנחת יצחק (ח״ב סימן ק״ו) איז מאריך דערין, און ער זאגט אז אפילו אויב מען גייט אריין אינעם עראפלאן פאר שבת, און ער פארט א גאנץ שבת און ער לאנדעט נאך שבת, אפילו אזוי איז עס אסור וועגן די אויבנדערמאנטע טעמים [און בײַ דעם איז אויך דא א חשש פון איסור תחומין אזוויי דער מנחת יצחק איז דארט מאריך].

די הלכות ווען איינער פארט אין אן עראפלאן ערב שבת און עס האט געשפעטיגט און געלאנדעט אין שבת, וועט מען שרייבן אין סעיף ג׳.

די פסק פון הגרש״ז אויערבאך
איבער גיין אין אן עלעוועיטער שבת

הגרש״ז אויערבאך זצ״ל האט געהאלטן אז מען מעג גיין אין אן עלעוועיטער שבת אויב עס

**שְׁלֹשָׁה יָמִים הָרִאשׁוֹנִים יֵשׁ לָהֶם צַעַר וּבִלְבּוּל** וויבאלד געווענליך די ערשטע דריי טעג ווען מען פארט אויף א שיף האט מען א צער און מען ווערט אויפגעשאקלט [אבער נאך דריי טעג איז מען שוין צוגעוואוינט], **וְדַוְקָא לְמַפְלִיגִים בַּיַּמִּים הַמְּלוּחִים** דוקא ווען מען פארט אין די געזאלצענע וואסער [די ימים], **אֲבָל בִּנְהָרוֹת אֵין שׁוּם צַעַר לַמַּפְלִיגִים בָּהֶם** אבער אין די טייכן וואס עס זענען נישטא די געזאלצענע וואסערן, איז נישטא קיין צער ווען מען פארט אין זיי, **וּלְפִיכָךְ מֻתָּר לְהַפְלִיג בָּהֶם אֲפִלּוּ בְּעֶרֶב שַׁבָּת** וועגן דעם מעג מען פארן אין זיי אפילו ערב שבת[ה], **וְהוּא שֶׁלֹּא יְהֵא יָדוּעַ לָנוּ שֶׁאֵין**

**שְׁלֹשָׁה יָמִים הָרִאשׁוֹנִים יֵשׁ לָהֶם צַעַר וּבִלְבּוּל; וְדַוְקָא לְמַפְלִיגִים בַּיַּמִּים הַמְּלוּחִים, אֲבָל בִּנְהָרוֹת אֵין שׁוּם צַעַר לַמַּפְלִיגִים בָּהֶם, וּלְפִיכָךְ מֻתָּר לְהַפְלִיג בָּהֶם אֲפִלּוּ בְּעֶרֶב שַׁבָּת, וְהוּא שֶׁלֹּא יְהֵא יָדוּעַ לָנוּ שֶׁאֵין**

## פסקי המלך

ארבעט אליינס און מען טוט גארנישט קיין פעולות עס צו מאכן ארבעטן, און די טירן עפענען זיך אליינס אויף ביי יעדע שטאק, און ער האט געהאלטן אז אפילו דורכדעם וואס ווען ער שטייט אינעם עלעוועיטער ווערט פארמערט די וואג און עס ווערט פארמערט די כח פון די עלעקטריק אינעם עלעוועיטער, אפילו אזוי איז עס מותר [כ"כ השש"כ פרק כ"ג על סעיף מ"ט, וע"ש שהאריך בכמה ראיות ע"ז].

די טעם פון די שיטות וואס האלטן אז עס איז אסור

אבער אסאך אחרונים קריגן זיך מיט הגרש"ז, און זיי האלטן אז עס איז יא אסור צו פארן מיט אן עלעוועיטער, וויבאלד עס ווערט פארמערט די כח פון עלעקטריק דורכדעם וואס ער גיבט צו וואג, און אפילו אויב מען וועט זאגן אז עס ווערט נישט פארמערט די כח פון די עלעקטריק. [דער שש"כ שרייבט, אז ער האט אדורכגעטון מיט די מומחים און זיי האבן אים מברר געווען אז ווען די עלעוועיטער פארט אויפ'ן וועג אראפ, דעמאלטס מאכט אויס די וואג פון יעדן מענטש וואס געפינט זיך דארט, אבער ווען די עלעוועיטער פארט די וועג ארויף, דעמאלטס מאכט נישט אויס וויפיל וואג עס געפינט זיך דארט], אפילו אזוי איז עס אסור

וויבאלד עס איז א זלזול אין שבת [כן הורה הגר"מ פיינשטיין זצ"ל באגרות משה ח"ב סי' צ"ה, ומנחת יצחק ח"ג סימן ס', ועוד הרבה].

די הלכה למעשה

אבער עס זענען דא פוסקים וואס זאגן, אז וויבאלד עס איז נישט אסור מדינא, און אזוי אויך געפינט זיך די עלעוועיטער אין א בנין און עס איז נישט ברבים, קען מען מקיל זיין לצורך פון א חולה, און אזוי אויך לצורך מצוה, און מען זאל אריינגיין מיט א שינוי, ווי למשל אריינגיין צוריקצוואוועגס אדער זייטוועגס, און ווען מען איז אין צייט זאל מען שטיין אויף איין פוס (כן הורה הגאון דומ"ץ שיכון סקווירא שליט"א) [פארשטייט זיך אליין אז ביי א מקום פון פיקוח נפש איז מותר לכתחילה].

גיין אויף אן עסקולעיטער

די זעלבע הלכה פון אן עלעוועיטער איז אויך ביי אן 'עסקולעיטער' [דאס איז די פארעדיגע טרעפ וואס גייט ארויף און אראפ דורך עלעקטריק].

**ה.** ווי דערמאנט פריער אין די הקדמה איז דער טעם פון עונג שבת דער טעם פונעם רי"ף און דער רמב"ם.

## פסקי המלך

העוסק במצוה פטור מן המצוה

דער מג"א (סק"ו) איז מסביר, אז לויט די טעם אז מען קען נישט מקיים זיין די מצוה פון עונג שבת איז שווער פארוואס ווען מען פארט ארויס צו א מצוה מעג מען יא ארויספארן אפילו אין די דריי טעג נאנט צו שבת. נאר די הלכה איז 'העוסק במצוה פטור מן המצוה' איינער וואס באשעפטיגט זיך יעצט אין איין מצוה איז פטור פון די אנדערע מצוה וואס קומט אים אונטער, ממילא איז זייער פארשטענדליך פארוואס מען מעג ארויספארן נאנט צו שבת לצורך מצוה, און מען דארף זיך נישט רעכענען מיט דעם וואס מען גייט נישט קענען מקיים זיין די מצוה פון עונג שבת, וויבאלד בשעת ער פארט צו די מצוה איז ער 'עוסק במצוה' און ער איז פטור מקיים צו זיין די אנדערע מצוה פון עונג שבת.

די הלכה פון מאכן א ברית שלא בזמנו פאר שבת

דער טורי זהב אין יורה דעה (סימן רס"ב סק"ג) ברענגט בשם דעם תשב"ץ (ח"א סי' כ"א) אז מען טאר נישט מאכן א ברית מילה פאר א קינד דאנערשטאג אדער פרייטאג, אויב עס איז שלא בזמנה [עס איז שוין נישט דער אכטער טאג], וויבאלד אין די דריי טעג פון די ברית האט דאס קינד א צער, און מען טאר נישט גורם זיין אין די דריי טעג נאנט צו שבת אז מען זאל האבן א צער, אזויווי עס שטייט דא אין שלחן ערוך אז מען טאר נישט ארויספארן אין די דריי טעג נאנט צו שבת, וויבאלד ער וועט נישט האבן קיין 'עונג שבת'.

אפילו ביי גאר א קליין קינד
אז דא די טעם פון עונג שבת

דער ט"ז איז א גרויסע חידוש אז אפילו א גאר קליינע קינד וואס ווייסט נאך בכלל נישט וואס שבת איז, אפילו אזוי דארף מען אכטונג געבן אז ער זאל האבן אן עונג שבת, און מען טאר נישט טון מיט די אייגענע הענט א זאך וואס וועט גורם זיין אז דאס קינד וועט האבן צער אין שבת.

דער ש"ך קריגט זיך אויפ'ן תשב"ץ

דער ש"ך (סוף סימן רס"ו) פרעגט שטארק אויפ'ן תשב"ץ וואס אסר'ט צו מאכן א ברית מילה אין די דריי טעג נאנט צו שבת, אז דא שטייט ביי א פאל וואו מען פארט פאר א מצוה מעג מען יא ארויספארן אפילו אין די דריי טעג נאנט צו שבת, און מאכן א ברית מילה פאר א קינד איז דאך א גרויסע מצוה, אפילו אויב די ברית איז נישט אין די אכטע טעג, און אוודאי מעג מען מאכן א ברית דאנערשטאג אדער פרייטאג.

דער אלי' רבה פארענטפערט דעם ט"ז

דער אלי' רבה (כאן סק"ה) פארענטפערט די קשיא פונעם ש"ך, אז די הלכה איז דאך אז אפילו אויב מען פארט ארויס פאר א מצוה אין די דריי טעג נאנט צו שבת דארף מען זיך אפמאכן מיט'ן קאפיטאן אז ער זאל נישט פארן אין שבת, און ממילא דא ווען מען מאכט א ברית פאר'ן קינד איז דאך נישט שייך זיך אויסצוזעמען אז דאס קינד זאל נישט האבן קיין צער אין שבת, וועגן דעם איז אסור צו מאכן די ברית אין די דריי טעג נאנט צו שבת, אפילו עס איז א מצוה.

די סברא פונעם ש"ך

דער ש"ך אבער האט לכאו' געהאלטן אז די הלכה אז מען דארף זיך אפמאכן מיט'ן קאפיטאן, איז נאר ווען קען זיך אויסנעמען מיט אים, אבער אויב מען קען נישט מעג מען נאכאלץ ארויספארן, און אזויווי אונז האבן געשריבן פריער אין סעיף א' אז דער שלחן ערוך הרב פסק'נט אויך אזוי.

הלכה למעשה

און למעשה זענען דא פלעצער וואס מען איז מחמיר נישט צו מאכן א ברית וואס עס איז נישט אין די אכטע טאג, אין די דריי טעג נאנט צו שבת. אבער אין רוב פלעצער האט מען נישט מחמיר געווען דערין.

**בְּעָמְקָם עֲשָׂרָה טְפָחִים, אֲבָל בְּמָקוֹם שֶׁיָּדוּעַ לָנוּ שֶׁמִּקַּרְקַע הַסְּפִינָה לְקַרְקַע הַנָּהָר פָּחוֹת מֵעֲשָׂרָה טְפָחִים, אָסוּר** לָצֵאת חוּץ לַתְּחוּם **מִשּׁוּם אִסּוּר תְּחוּמִין.**

בְּעָמְקָם עֲשָׂרָה טְפָחִים און דאס וואס מען מעג ארויספארן אפילו ערב שבת אין די טייכן וואס די וואסער איז נישט געזאלצן איז נאר אויב מען ווייסט נישט אז די וואסער איז וויניגער ווי צען טפחים טיף, אֲבָל בְּמָקוֹם שֶׁיָּדוּעַ לָנוּ שֶׁמִּקַּרְקַע הַסְּפִינָה לְקַרְקַע הַנָּהָר פָּחוֹת מֵעֲשָׂרָה טְפָחִים אבער ביי א פאל וואס מען ווייסט אז עס איז דא וויניגער ווי צען טפחים פון די אונטן פון די שיף ביז די ערד פון די וואסער, אָסוּר (לָצֵאת חוּץ לַתְּחוּם) מִשּׁוּם אִסּוּר תְּחוּמִין איז אסור ארויסצופארן אין די דריי טעג נאנט צו שבת וויבאלד עס איז דא דערביי די איסור פון תחומין[י].

## פסקי המלך

די הלכה פון מאכן אומוויכטיגע אפעראציעס וכדו' נאנט צו שבת

די פוסקים שרייבן, אז פון דעם וואס מען זעט אז מען זאל נישט ארויספארן אין די דריי טעג נאנט צו שבת, וויבאלד ער וועט נישט האבן קיין עונג שבת, קען מען אויך אראפלערנען דערפון אז מענטשן וואס מען דארף זיי מאכן אן אפעראציע, אדער אן אנדערע גרעסערע טיפול רפואה וואס מאכט דעם מענטש אפגעשוואכט די קומענדיגע טעג, און לויט די אפשאצונג פון די דאקטוירים איז נישטא קיין חילוק צי מען וועט עס טון יעצט פאר שבת, אדער מען וועט עס טון נאך שבת, זאלן זיי לכתחילה באשטימען די אפעראציע אויף נאך שבת, אזוי אז זיי זאלן נישט האבן קיין צעשטערטע 'עונג שבת' (שלחן שלמה סק"ג בשם הגרשז"א).

אויב עס איז דא א צורך

אבער ביי אן אופן וואס עס איז דא אפילו א קליינע צורך צו מאכן די אפעראציע יעצט בעפאר שבת, און אזוי אויך ביי אן אופן וואס אויב ער וועט מאכן די אפעראציע בעפאר שבת, וועט ער האבן א בעסערער דאקטער, מעג ער לכתחילה עס טון בעפאר שבת.

פארן אויף א לענגערע נסיעה נאנט צו שבת

עס זענען דא פוסקים וואס זאגן, אז איינער וואס ווייסט אז ווען ער פארט מיט א פליגער ווערט ער מורא'דיג אפגעשוואכט פאר עטליכע טעג, זאל ער לכתחילה נישט פארן בעפאר שבת, אויב עס איז נישטא קיין צורך. אזוי אויך איינער וואס ווייסט אז ווען ער פארט מיט א קאר פאר א לענגערע נסיעה ווערט ער זייער אפגעשוואכט, און ער פילט זיך ממש נישט גוט, זאל ער אויב ער קען, נישט פארן אזעלכע נסיעות ערב שבת.

**ז.** עס שטייט דא אין שלחן ערוך אז אויב עס זענען דא צען טפחים פון די קרקע (פלא"ר) פון די שיף, ביז די ערד פון אונטער די וואסער דעמאלטס איז שוין נישטא די איסור פון תחומין.

די הלכה ווען א חלק פונעם שיף איז ארייגעשטעקט אינעם וואסער

דער מג"א (סק"ז) איז מסביר, אז אויב א חלק פון די שיף איז ארייגעשטעקט אינעם וואסער און ממילא קומט אויס אז פון די פלא"ר פון די שיף ביז די ערד פון אונטער די וואסער איז דא וויניגער ווי צען טפחים, איז דא דערביי די איסור פון תחומין. און דער מג"א לייגט צו א חידוש, אז אפילו אויב עס קומט אויס אז פון די ערד פון אונטער די וואסער ביז די פלאץ וואו דער מענטש זיצט זענען דא צען טפחים [ווי למשל דער מענטש זיצט נישט ממש אויפ'ן

הגה: וְכֵן בִּסְפִינָה שֶׁיִּצְטָרֵךְ הַיִּשְׂרָאֵל לָבֹא לִידֵי מְלָאכָה בְּשַׁבָּת, אָסוּר לִכָּנֵס בָּהּ שְׁלֹשָׁה יָמִים קֹדֶם הַשַּׁבָּת, אֲפִלּוּ הֵם נְהָרוֹת הַנּוֹבְעִים וְהִיא לְמַעְלָה מֵעֲשָׂרָה (ריב"ש סִימָן קנ"ג מַהֲרִי"ק), אֲבָל אֵין אִסּוּר בְּמַה שֶׁהַבְּהֵמוֹת מוֹשְׁכוֹת הַסְּפִינָה בִּשְׂפַת הַנָּהָר, וְלֹא דָּמֵי לַהֲלִיכָה בְּקָרוֹן שֶׁאָסוּר.

(רמ"א) **הגה, וְכֵן בִּסְפִינָה שֶׁיִּצְטָרֵךְ הַיִּשְׂרָאֵל לָבֹא לִידֵי מְלָאכָה בְּשַׁבָּת** אזוי אויך אין א שיף וואס דער איד וועט דארפן צוקומען צו טון מלאכות אין שבת [וויבאלד עס וועט זיין 'פיקוח נפש'], **אָסוּר לִכָּנֵס בָּהּ שְׁלֹשָׁה יָמִים קֹדֶם הַשַּׁבָּת** טאר מען נישט ארויספארן מיט די שיף אין די דריי טעג נאנט צו שבת, **אֲפִלּוּ הֵם נְהָרוֹת הַנּוֹבְעִים** אפילו אויב מען פארט אין די טייכן וואס קוועלן [עס איז נישט די געזאלצענע וואסער], **וְהִיא לְמַעְלָה מֵעֲשָׂרָה** און אזוי אויך אפילו אויב עס איז העכער ווי צען טפחים, **אֲבָל אֵין אִסּוּר בְּמָה שֶׁהַבְּהֵמוֹת מוֹשְׁכוֹת הַסְּפִינָה בִּשְׂפַת הַנָּהָר** אבער דאס איז נישט קיין איסור אז ווען מען קומט אן נאנט צום ברעג בינדט מען צו די שיף צו די בהמות און זיי שלעפן דעם שיף צום ברעג, **וְלֹא דָּמֵי לַהֲלִיכָה בְּקָרוֹן שֶׁאָסוּר** און עס איז נישט גלייך צו פארן אין א וואגן וואס עס איז אסור אין שבת [וויבאלד ווען מען פארט אין א וואגן איז דא א גזירה אז מען וועט אפשניידן א צווייג פון א בוים צו פירן דעם בהמה, אבער ביי דעם פאל איז נישטא דעם חשש וויבאלד די בהמות זענען היבש ווייט אפגערוקט פון די שיף][ז].

## פסקי המלך

פלא"ר פונעם שיף נאר אביסל העכער], אפילו אזוי איז עס אסור, וויבאלד די פלא"ר פונעם שיף איז יא אין די צען טפחים פון די ערד אונטער די וואסער. און דער מג"א ברענגט א שיטה פון דעם יראים וואס איז מתיר ביי דעם אופן. אבער דער מג"א בלייבט אז עס איז אסור.

### די פסק פונעם שלחן ערוך הרב

דער שלחן ערוך הרב (ס"ג) פסק'נט, אז ביי א פאל פון א צורך קען מען מקיל זיין אפילו ביי א פאל וואו עס זענען דא נאר דריי טפחים פון די פלא"ר פונעם שיף ביז די ערד אונטער די וואסער, אויב דער מענטש זיצט אין א העכערע פלאץ אינעם שיף וואס עס זענען דא צען טפחים פון אים ביז די ערד אונטער די וואסער, און עס איז נאר מותר בתנאי אז אפילו זיינע פיס הענגען נישט אריין אין די צען טפחים נאנט צו די ערד אונטער די וואסער.

### ווען ער האט א ספק אויב עס זענען דא צען טפחים

נאך ברענגט דער שלחן ערוך הרב (ס"ד), אז אויב מען איז מסופק אויב עס זענען דא צען טפחים פון די פלא"ר פון די שיף ביז די ערד אונטער די וואסער, איז מותר צו פארן מיט די שיף, וויבאלד די איסור פון תחומין איז נאר מדרבנן און ביי א ספק מדרבנן גייט מען לקולא.

**ז.** דער רמ"א ברענגט דא אז אויב מען ווייסט אז מען גייט דארפן מחלל שבת זיין, דעמאלטס טאר מען נישט ארויספארן אין די דריי טעג נאנט צו שבת. און מיר האבן שוין אראפגעברענגט אויבן אין די הקדמה צו דעם סימן אז די הלכה קומט פונעם בעל המאור און ער האט מסביר געווען די גמרא אין מסכת שבת מיט דעם טעם.

**סעיף ג.** אין דעם סעיף וועלן שטיין די דינים פון ארייגגיין אין א שיף אינמיטן שבת

**ג הֵיכָא דְּמֻתָּר לְהַפְלִיג מֵעֶרֶב שַׁבָּת** אויף אן אופן וואס מען מעג ארויספארן מיט א שיף אפילו ערב שבת [אויב מען פארט אין א טייך און די שיף איז העכער ווי צען טפחים פון די ערד], **אִם נִכְנַס בִּסְפִינָה מֵעֶרֶב שַׁבָּת וְקָנָה בָּהּ שְׁבִיתָתָהּ** אויב ער איז אריינגעגאנגען אין די שיף ערב שבת און ער האט דארט קונה שביתה געווען [ער איז געזיצן

**ג הֵיכָא דְּמֻתָּר לְהַפְלִיג מֵעֶרֶב שַׁבָּת, אִם נִכְנַס בִּסְפִינָה מֵעֶרֶב שַׁבָּת וְקָנָה בָּהּ**

## פסקי המלך

אויב מען גייט זיכער דארפן מחלל שבת זיין

דער מג״א (סקי״ד) זאגט, אז ווען מען פארט ארויס מיט א גרופע אין א מדבר וואס דעמאלטס איז די מציאות אז מען גייט ׳זיכער׳ דארפן מחלל שבת זיין, טאר מען נישט ארויספארן אפילו זונטאג. און די פוסקים זענען מסביר דעם מג״א, אז די זעלבע הלכה וועט זיין ווען מען פארט ארויס מיט א שיף און מען ווייסט אויף זיכער אז מען גייט דארפן מחלל שבת זיין, וועט מען נישט מעגן ארויספארן אפילו זונטאג. נאר דער מג״א שרייבט די הלכה ווען מען גייט אין א מדבר, וויבאלד ביי דעם איז געווענליך די מציאות אז מען דארף מחלל שבת זיין, אבער ווען מען פארט מיט א שיף איז געווענליך די מציאות אז מען דארף נישט מחלל שבת זיין [נאר עס איז דא א ספק צי מען גייט דארפן מחלל שבת זיין], ממילא מעג מען יא ארויספארן פאר די דריי טעג נאנט צו שבת.

עס שטייט דא אין שלחן ערוך אז אויב מען ווייסט אז מען גייט דארפן מחלל שבת זיין טאר מען נישט ארויספארן אין די דריי טעג נאנט צו שבת, אבער אויב מען פארט אויף א מצוה מעג מען יא ארויספארן אין די דריי טעג נאנט צו שבת אפילו אויב מען וועט שפעטער דארפן מחלל שבת זיין.

די הלכה פון פאסטן צום גדלי׳ אויפ׳ן חשבון פון פאסטן יום כיפור

דער שדי חמד (ח״ח, יוהכ״פ סימן א׳ אות י׳) לערנט ארויס פון די אויבנדערמאנטע הלכה אז איינער וואס ער קען יעצט פאסטן צום גדלי׳ אבער ער האט מורא אז דורכדעם וואס ער וועט יעצט פאסטן וועט ער ווערן אפגעשוואכט און ער וועט שוין נישט קענען פאסטן יום כיפור, דארף ער נאכאלץ יעצט פאסטן, אפילו עס איז נאר א מצוה מדרבנן [מדברי קבלה] צו פאסטן צום גדלי׳, און פאסטן יום כיפור איז א מצוה דאורייתא און א חיוב כרת, נאכאלץ וויבאלד יעצט וויל ער מקיים זיין די מצוה פון פאסטן צום גדלי׳ דארף ער נישט טראכטן אז דורכדעם וועט ער ווערן אפגעשוואכט און ער וועט מוזן צוקומען צו עסן יום כיפור, אזוי ווי מען זעט דא אז מען מעג ארויספארן אפילו אין די דריי טעג נאנט צו שבת לצורך מצוה, אפילו ער וועט דארפן שפעטער צוקומען מחלל שבת צו זיין. און דער שדי חמד איז מאריך דערין מיט סברות.

די פסק פון הגרי״ז מבריסק זצ״ל

מען דערציילט, אז ווען מען האט פארגעלייגט די פסק פונעם שדי חמד פאר הגרי״ז מבריסק זצ״ל האט ער מסכים געווען צום סברא אז מען וואלט געדארפט פאסטן צום גדלי׳, אבער ער האט געזאגט דערויף ״עס איז א שיין שטיקל תורה, אבער עס איז ניט נוגע למעשה״ [וויבאלד א מענטש וואס איז אזוי שוואך אז אויב ער וועט יעצט פאסטן צום גדלי׳ וועט ער שוין נישט קענען פאסטן יום כיפור, האט ער א דין פון א חולה און ער איז פטור צו פאסטן צום גדלי׳].

**שְׁבִיתָה, אַף עַל פִּי שֶׁמַּפְלֶגֶת בְּשַׁבָּת, מֻתָּר וְהוּא שֶׁלֹּא יֵצֵא מֵהַסְּפִינָה מֵעֵת שֶׁקָּנָה שְׁבִיתָה. הגה: וְיֵשׁ אוֹמְרִים דַּאֲפִלּוּ יָצָא מִן**

דארט גאנץ בין השמשות ביז עס איז געווארן שבת ביינאכט], **אַף עַל פִּי שֶׁמַּפְלֶגֶת בְּשַׁבָּת מֻתָּר** מעג ער ארויספארן מיט די שיף אפילו אויב די שיף הייבט אן ארויספארן אינמיטן שבת, **וְהוּא שֶׁלֹּא יֵצֵא מֵהַסְּפִינָה מֵעֵת שֶׁקָּנָה שְׁבִיתָה** אבער ער טאר נישט ארויסגיין פון די שיף נאכדעם וואס ער האט קונה שביתה געווען, ווייל איינמאל ער וועט ארויסגיין פון די שיף וועט ער שוין נישט מעגן צוריק אריינגיין אינמיטן שבת אין די שיף[ח]. (רמ"א) הגה, **וְיֵשׁ אוֹמְרִים דַּאֲפִלּוּ יָצָא מִן הַסְּפִינָה שָׁרֵי** דער רמ"א ברענגט א שיטה וואס קריגט זיך אז אפילו ער איז ארויסגעגאנגען פון

## פסקי המלך

**ח.** דער מחבר האלט אז אויב מען איז אריין אינעם שיף ערב שבת און קונה שביתה געווען מעג מען אפילו ארויספארן אין שבת, אבער אויב מען איז ארויסגעגאנגען פונעם שיף טאר מען שוין נישט צוריקקומען אינעם שיף אין שבת.

די טעם פארוואס מען טאר נישט
אריינגיין אינעם שיף שבת

דער מג"א (סק"י) איז מסביר די טעם פארוואס מען טאר נישט אריינגיין אינעם שיף אין שבת, וויבאלד עס קוקט אויס ווי ער גייט יעצט אריין אינעם וואסער צו שווימען [און מען טאר נישט שווימען אין שבת, וויבאלד חז"ל האבן גוזר געווען אז מען גייט צוקומען צו בויען א געוויסע כלי וואס העלפט שווימען], אבער אויב ער גייט אריין ערב שבת אינעם שיף האבן די חכמים נישט גוזר געווען וויבאלד ער איז אריינגעגאנגען דעריין אין א צייט וואס עס איז מותר [אפילו אז יעצט אין שבת געפינט ער זיך אינעם וואסער (כן מסביר השלחן ערוך הרב (ס"ז דברי המג"א)].

זאגן שבת אז מען גייט פארן אויף א שיף זונטאג

דער ערוך השלחן (סימן ש"ז סכ"א) לערנט ארויס פון די אויבנדערמאנטע הלכה, אז מען מעג זאגן אין שבת אז מען גייט ארויספארן זונטאג מיט א שיף, וויבאלד מען מעג אפילו ארויספארן אין שבת אליינס מיט א שיף, און די כלל איז (אין סימן ש"ז) אז יעדע זאך וואס מען מעג טון אין שבת מעג מען זאגן אז מען גייט עס טון זונטאג.

אויב מען גייט פארן מיט א קאר

און הגאון ר' שלמה זלמן אויערבאך זצ"ל (שלחן שלמה סי' ש"ז סק"י) לייגט צו נאכמער, אז אפילו אויב באמת גייט מען פארן זונטאג מיט א קאר מעג ער נאכאלץ זאגן אז ער גייט פארן אויף א נסיעה אויב ער זאגט נישט אז ער גייט פארן מיט א קאר, וויבאלד ווען מענטשן גייען אויף א שיף רופן זיי עס אן אז מען 'פארט אויף א נסיעה', און וועגן דעם ליגט נישט אינעם לשון 'פארן אויף א נסיעה' אן איסור'דיגע זאך [ווי פארן מיט א קאר, נאר עס קען אויך מיינען פארן מיט א שיף וואס דאס איז דאך מותר]. אבער דאס איז נאר מותר אויב מען קען צוקומען צו יענע פלאץ וואו ער וויל פארן מיט א שיף, אדער אז ער זאגט נישט וואו ער וויל פארן און עס קען זיין אז ער גייט פארן צו געוויסע פלעצער וואס מען קען פארן מיט א שיף. אבער אנדערע פוסקים (הגריש"א) האלטן, אז וויבאלד היינטיגע צייטן איז נישט איינגעפירט צו פארן מיט א שיף אויף א נסיעה נאר מיט א קאר, וועגן דעם איז יא אסור צו זאגן אין שבת אז ער גייט פארן זונטאג אויף א נסיעה.

הַסְּפִינָה, שָׁרֵי, דְּמֵאַחַר שֶׁקָּנָה בָּהּ שְׁבִיתָה מֵעֶרֶב שַׁבָּת מֻתָּר אַחַר כָּךְ לִכָּנֵס בָּהּ בְּשַׁבָּת וּלְהַפְלִיג. יֵשׁ שֶׁעוֹשִׂין קִדּוּשׁ בַּסְּפִינָה, וְאַחַר כָּךְ חוֹזְרִים לְבֵיתָם וְלָנִים שָׁם, וּלְמָחָר חוֹזְרִין לַסְּפִינָה וּמַפְלִיגִין, וְכֵן נָהֲגוּ בִּקְצָת מְקוֹמוֹת וְאֵין לִמְחוֹת (ר"ן פ"ק דְּשַׁבָּת וְרִיב"ש סִימָן י"ז קט"ו קנ"ב) וְעַיֵּן לְקַמָּן סִימָן שׁל"ט וְת"ד.

די שיף נאכדעם וואס ער האט קונה שביתה געווען מעג ער צוריקגיין אפילו אינמיטן שבת, דְּמֵאַחַר שֶׁקָּנָה בָּהּ שְׁבִיתָה מֵעֶרֶב שַׁבָּת וויבאלד ער האט שוין קונה שביתה געווען דארט אין די שיף, מֻתָּר אַחַר כָּךְ לִכָּנֵס בָּהּ בְּשַׁבָּת וּלְהַפְלִיג מעג ער נאכדעם צוריק אריינגיין אינעם שיף און ארויספארן אפילו אין שבת [וויבאלד די שיף הייסט אזוי ווי זיין הויז]. יֵשׁ שֶׁעוֹשִׂין קִדּוּשׁ בַּסְּפִינָה עס זענען דא מענטשן וואס זענען מחמיר אז זיי זענען קונה שביתה און זיי מאכן אויך קידוש דארט אין די שיף [זיי זענען מחמיר אויך צו מאכן קידוש כדי עס זאל ווערן מפורסם אז זיי האבן קונה שביתה געווען דארט], וְאַחַר כָּךְ חוֹזְרִים לְבֵיתָם וְלָנִים שָׁם און נאכדעם גייען זיי צוריק צו זייערע הייזער און שלאפן דארט, וּלְמָחָר חוֹזְרִין לַסְּפִינָה וּמַפְלִיגִין און צומארגנס - שבת אינדערפרי - גייען זיי צוריק צו די שיף, און די שיף פארט דעמאלטס ארויס אויפ'ן וועג, וְכֵן נָהֲגוּ בִּקְצָת מְקוֹמוֹת און אזוי פירט מען זיך אין א חלק פלעצער [אז מען גייט ארויס פונעם שיף און מען קומט צוריק אינמיטן שבת], וְאֵין לִמְחוֹת און מען דארף נישט מוחה זיין [וויבאלד עס זענען דא שיטות וואס זענען עס מתיר], וְעַיֵּן לְקַמָּן סִימָן שׁל"ט (ס"ז) קוק שפעטער סימן של"ט ס"ז וואס עס שטייען דארט די הלכות ווען מען מעג יא אריינגיין אין א שיף אינמיטן שבת און ווען מען מעג נישט אריינגיין וויבאלד עס זעט אויס ווי מען גייט שווימען אינעם וואסער, וְת"ד און קוק שפעטער אין סימן ת"ד וואס דארט שטייט ווען איינער קומט אן מיט א שיף צו א שטאט אינמיטן שבת ביי וועלכע אופן האט ער צוויי טויזנט אמות ווען ער קומט אראפ פונעם שיף, און ביי וועלכע אופן טאר ער נישט אראפגיין פונעם שיף ט.

## פסקי המלך

די דינים פון תחומים ווען די שיף קומט אן אינמיטן שבת צו א שטאט

**ט.** דער מג"א (סקי"א) זאגט אז אויב איינער איז געווען אויפ'ן שיף גאנץ בין השמשות און ער איז נישט ארויסגעגאנגען פונעם שיף, און די שיף איז געפארן נאכדעם מער ווי די תחום און איז אנגעקומען צו א צווייטע שטאט אינמיטן שבת, מעג ער אראפגיין פונעם שיף און ער האט דארט צוויי טויזנט אמות צו אלע זייטן, וויבאלד ער האט נאכנישט קונה שביתה געווען אין קיין שום פלאץ [וויבאלד ער איז געווען בין השמשות אויפ'ן שיף וואס געפינט זיך העכער ווי צען טפחים פון די ערד], ממילא איז ער יעצט אינמיטן שבת קונה שביתה אין די שטאט צו וואו ער איז אנגעקומען, און ער קען גיין צוויי טויזנט אמה צו יעדע זייט. אבער אויב ער איז אראפגעגאנגען פונעם שיף אינמיטן שבת נאך פאר'ן ארויספארן, האט ער דעמאלטס קונה

**ד הַיּוֹצְאִים בְּשַׁיָּרָא בַּמִּדְבָּר, וְהַכֹּל יוֹדְעִים שֶׁהֵם צְרִיכִים לְחַלֵּל שַׁבָּת כִּי מִפְּנֵי הַסַּכָּנָה לֹא יוּכְלוּ לְעַכֵּב בַּמִּדְבָּר בְּשַׁבָּת לְבַדָּם, שְׁלֹשָׁה יָמִים קֹדֶם שַׁבָּת אֲסוּרִים לָצֵאת, וּבְיוֹם רִאשׁוֹן וּבְשֵׁנִי וּבִשְׁלִישִׁי מֻתָּר לָצֵאת, וְאִם אַחַר כָּךְ יֶאֱרַע לוֹ סַכָּנָה**

**סעיף ד.** אין דעם סעיף וועט שטיין די דין ווען מען מעג ארויסגיין בעפאר שבת אויפ'ן וועג דורך א מדבר

**ד** **הַיּוֹצְאִים בְּשַׁיָּרָא בַּמִּדְבָּר** אידן וואס ווילן ארויסגיין מיט א גרופע אין די מדבר, **וְהַכֹּל יוֹדְעִים שֶׁהֵם צְרִיכִים לְחַלֵּל שַׁבָּת** און עס איז א באוואוסטע זאך אז זיי וועלן דארפן מחלל שבת זיין, **כִּי מִפְּנֵי הַסַּכָּנָה לֹא יוּכְלוּ לְעַכֵּב בַּמִּדְבָּר בְּשַׁבָּת לְבַדָּם** וויבאלד עס איז א סכנה צו בלייבן איבער שבת אליינס אן די שיירא אין מדבר [וועגן דעם וועלן די אידן מוזן מיטגיין מיט די גאנצע שיירא אפילו אין שבת און זיי וועלן דארפן גיין חוץ לתחום], **שְׁלֹשָׁה יָמִים קֹדֶם שַׁבָּת אֲסוּרִים לָצֵאת** אין די דריי טעג נאנט צו שבת איז אסור ארויסצוגיין מיט די שיירא, **וּבְיוֹם רִאשׁוֹן וּבְשֵׁנִי וּבִשְׁלִישִׁי מֻתָּר לָצֵאת** אבער זונטאג מאנטאג און דינסטאג מעג מען יא ארויסגיין, **וְאִם אַחַר כָּךְ יֶאֱרַע לוֹ סַכָּנָה וְיִצְטָרֵךְ לְחַלֵּל שַׁבָּת מִפְּנֵי פִּקּוּחַ נֶפֶשׁ**

## פסקי המלך

שביתה געווען דארט, און שפעטער ווען די שיף פארט ארויס און עס קומט אן צו א צווייטע שטאט, דעמאלטס ווען ער גייט אראפ פונעם שיף האט ער נאר פיר אמות.

### די הלכה פון תחומין ווען א פליגער פארשפעטיגט און עס לאנדעט אין שבת

א מענטש וואס איז געפארן אין א פליגער פרייטאג און למעשה צוליב פארשידענע סיבות האט די עראפלאן נישט געקענט לאנדען [ווי למשל עס איז געווען שטארק פארוואלקנט] און עס האט געלאנדעט ווען עס איז שוין געווען שבת, זאגן די פוסקים, אז גלייך ווען די עראפלאן לאנדעט איז ער קונה שביתה דארטן און ער האט צוויי טויזנט אמה ווי די פלאץ פון וואו עס האט געלאנדעט. אבער עס זענען דא וואס זאגן אז ווען ער קומט אן האט ער נישט קיין צוויי טויזנט אמה נאר ער האט פיר אמה. און לכתחילה דארף ער בלייבן אינעם עראפלאן, אבער אויב מען הייסט אים ארויסגיין פונעם עראפלאן און ער גייט אריין אינעם טערמינאל קען ער ארומגיין די גאנצע טערמינאל, אבער ער זאל נישט ארויסגיין פונעם טערמינאל גאנץ שבת [די סיבה פארוואס ער מעג ארומגיין די גאנצע טערמינאל און ער דארף נישט בלייבן אויף איין פלאץ, איז וויבאלד ער איז געווען געצווינגען אריינצוגיין אינעם טערמינאל און די הלכה איז אז אויב מען צווינגט איינעם ארויסצוגיין פון זיינע פיר אמות און אריינגיין אין א דירה מעג ער ארומגיין די גאנצע דירה, וויבאלד די גאנצע דירה ווערט גערעכנט ווי פיר אמה] (וכן איתא בסימן ת״ד ס״א דאם צריך לצאת מן הספינה וכו׳ וצריך מכח זה ליכנס לעיר הו״ל כל העיר כארבע אמות וכיון דעל על). אבער פארשטייט זיך אז מתחילה איז דא א חיוב אויסצורעכענען אז מען זאל נישט ארויספארן שפעט אויף א פאל וואס קען זיך מאכן אז מען קען פארשפעטיגן, ווי ווייטער ערקלערט בסימן רמ״ט.

**וְיִצְטָרֵךְ לְחַלֵּל שַׁבָּת מִפְּנֵי פִּקּוּחַ נֶפֶשׁ, מֻתָּר, וְאֵין כָּאן חִלּוּל; וְהָעוֹלֶה לְאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אִם נִזְדַּמְּנָה לוֹ שַׁיָּרָא אֲפִלּוּ**

און אויב שפעטער מאכט זיך א סכנה און מען דארף מחלל שבת זיין ווייל עס איז 'פיקוח נפש', מֻתָּר וְאֵין כָּאן חִלּוּל מעג מען טון מלאכות און עס הייסט נישט קיין חילול שבת', וְהָעוֹלֶה לְאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל איינער וואס וויל ארויפגיין קיין ארץ ישראל, אִם נִזְדַּמְּנָה לוֹ שַׁיָּרָא אֲפִלּוּ בְּעֶרֶב

## פסקי המלך

**י.** עס שטייט דא אין שלחן ערוך אז אידן וואס גייען ארויס אויפ'ן וועג מיט א גרופע דורך א מדבר און זיי ווייסן זיכער אז זיי וועלן דארפן מחלל שבת זיין אינעם מדבר, איז אין די דריי טעג נאנט צו שבת טאר מען נישט מיטגיין מיט די גרופע, אבער פאר די דריי טעג נאנט צו שבת מעג מען יא ארויספארן.

### אפילו אויף א חשש פון אן איסור דרבנן

דער מג״א (סקי״ד) זאגט, אז אפילו מען האט א חשש אז מען גייט נאר דארפן עובר זיין אויף אן איסור דרבנן טאר מען אויך נישט ארויספארן אין די דריי טעג נאנט צו שבת. און דער משנ״ב (סקכ״ה) ברענגט עס אראפ.

### ווען מען ווייסט אויף זיכער אז מען וועט דארפן מחלל שבת זיין

פון דעם מחבר זעט מען אז ער האלט אז פאר די דריי טעג נאנט צו שבת מעג מען ארויספארן אפילו אויב מען ווייסט אויף 'זיכער' אז מען גייט דארפן מחלל שבת זיין, און מיר האבן שוין פריער געשריבן אז דער מג״א (סקי״ד) קריגט זיך און ער האלט אז אויב מען ווייסט אויף זיכער אז מען גייט דארפן מחלל שבת זיין מעג מען נישט ארויספארן אפילו זונטאג.

### אויב מען האט עובר געווען דארף מען זיך אריינלייגן אין א סכנה

דער מג״א לייגט צו א מורא׳דיגע חידוש, אז אויב מען האט יא עובר געווען און ארויסגעפארן אויף אן אופן וואס מען גייט זיכער דארפן מחלל שבת זיין, דעמאלטס ווען עס קומט אן שבת און מען האלט אינמיטן די מדבר דארף ער זיך אריינלייגן אין א סכנה און בלייבן אליינס אינעם מדבר [אזוי אז ער זאל נישט האבן עובר געווען אויף דעם וואס ער איז ארויסגעפארן].

### דער מג״א איז א גרויסער חידוש

די ווערטער פונעם מג״א זענען א מורא׳דיגע גרויסע חידוש אז א מענטש זאל זיך דארפן אריינלייגן אין א סכנה אויף דעם וואס ער איז ארויסגעפארן באיסור, עס איז דאך באוואוסט אז מען טאר זיך נישט אריינלייגן אין א סכנה נאר פאר דריי עבירות.

### די פסק פונעם שלחן ערוך הרב

דער שלחן ערוך הרב (סי״ג) שרייבט, אז אויב מען ווייסט זיכער אז מען גייט דארפן מחלל שבת זיין זאל מען נישט ארויספארן אפילו פון זונטאג. אבער ער לייגט צו, אז מען דארף נישט מוחה זיין אויף די מענטשן וואס פארן יא ארויס אפילו אויב זיי ווייסן אז זיי וועלן דארפן מחלל שבת זיין, ווייבאלד זיי פארלאזן זיך אויף די שיטה פון דעם רמ״א. און דער שלחן ערוך הרב נעמט נישט אן דאס וואס דער מג״א ברענגט אז מען דארף זיך אריינלייגן אין א סכנה, נאר אויב מען איז יא ארויסגעפארן און עס איז דא א מציאות פון א סכנה מעג מען מחלל שבת זיין.

### די פשט פונעם משנ״ב און די הסבר פון הגר״מ פיינשטיין זצ״ל דערויף

דער משנ״ב (סקכ״ו) ברענגט אראפ דעם מג״א און ער לייגט צו א ווארט, ער זאגט אז מען לייגט זיך אריין ״אביסל״ אין א סכנה. און מען קען פארשטיין די ווערטער פונעם משנ״ב וואס שרייבט אז מען דארף זיך אריינלייגן

**בְּעֶרֶב שַׁבָּת, כֵּיוָן דִּדְבַר מִצְוָה הוּא, יָכוֹל לִפְרֹשׂ; וּפוֹסֵק עִמָּהֶם לִשְׁבֹּת, וְאִם אַחַר שֶׁיִּהְיוּ בַּמִּדְבָּר לֹא יִרְצוּ לִשְׁבֹּת עִמּוֹ, יָכוֹל לָלֶכֶת עִמָּהֶם חוּץ לַתְּחוּם,**

שַׁבָּת אויב ער האט געטראפן א גרופע וואס גייט ארויף אפילו ערב שבת, כֵּיוָן דִּדְבַר מִצְוָה הוּא יָכוֹל לִפְרֹשׂ וויבאלד ארויפגיין קיין ארץ ישראל איז א מצוה מעג מען ארויפגיין [אפילו ערב שבת]יא, וּפוֹסֵק עִמָּהֶם לִשְׁבֹּת און ער דארף זיך אפמאכן מיט'ן גרופע אז זיי זאלן רוען אין שבת, וְאִם אַחַר שֶׁיִּהְיוּ בַּמִּדְבָּר לֹא יִרְצוּ לִשְׁבֹּת עִמּוֹ און אויב נאכדעם ווען מען געפינט זיך אין די מדבר אין שבת וויל נישט די גרופע בלייבן רוען מיט אים, יָכוֹל לָלֶכֶת עִמָּהֶם חוּץ לַתְּחוּם

## פסקי המלך

'אביסל' אין א סכנה, לויט דאס וואס הגר"מ פיינשטיין זצ"ל (אגר"מ או"ח ח"א סי' קכ"ז) שרייבט מסביר צו זיין דעם מג"א, אז עס זענען דא געוויסע פעלער וואס בעצם איז עס נישט קיין סכנה נאר עס איז תלוי אין די הארץ פונעם מענטש, עס זענען דא מענטשן מיט א שטארקע הארץ וואס פאר זיי איז נישט קיין סכנה צו בלייבן אליינס אינעם מדבר, און עס זענען דא מענטשן מיט א שוואכערע הארץ וואס זיי פילן אז עס איז יא א סכנה צו בלייבן אליינס אינעם מדבר. און דאס זאגט דער מג"א, אז איינער וואס איז ארויסגעגאנגען מיט א גרופע אינעם מדבר זונטאג און ער האט געוואוסט אז ער וועט זיכער דארפן מחלל שבת זיין, קומט אויס אז ער האט ביי זיך אפגעמאכט אז עס איז פאר אים נישט קיין סכנה צו בלייבן אליינס אינעם מדבר, און ממילא אזא מענטש זאל טאקע בלייבן אליינס אינעם מדבר.

**יא.** עס שטייט דא אין שלחן ערוך אז ארויפפארן קיין ארץ ישראל ווערט גערעכנט פאר א מצוה און מען מעג ארויספארן אפילו אין די דריי טעג נאנט צו שבת.

### אויב איינער פארט ארויף קיין ארץ ישראל נישט זיך צו באזעצן דארט

דער מג"א (סקט"ו) ברענגט, אז אויב איינער וויל נישט ארויפפארן קיין ארץ ישראל זיך צו באזעצן דארט, נאר ער גייט ארויף אויף א קורצע זמן און ער גייט שפעטער צוריקקומען הייסט עס נישט קיין מצוה. אבער דער מג"א ברענגט, אז עס זענען דא שיטות וואס קריגן זיך און זיי האלטן אז אפילו אויב ער פארט ארויף נאר אויף א קורצע זמן איז עס אויך א מצוה, וויבאלד עס שטייט אין גמרא מסכת כתובות (קיא.) אז איינער וואס גייט פיר אמות אין ארץ ישראל איז ער מקיים א מצוה, און ער איז פארזיכערט אז ער וועט האבן עולם הבא.

### די הלכה למעשה, און די חידוש פונעם שלחן ערוך הרב אז פארן קיין ארץ ישראל פאר אן אויספלוג הייסט נישט קיין מצוה

דער משנ"ב (סקכ"ח) און דער שלחן ערוך הרב (סי"ג) פסק'נען ווי די צווייטע שיטה, אז אפילו אויב מען פארט ארויף, נישט זיך צו באזעצן דארט, הייסט עס אויך א מצוה. אבער דער שלחן ערוך הרב אין קונטרס אחרון (סק"ח) שרייבט, אז דוקא איינער וואס פארט ארויף קיין ארץ ישראל מיט'ן כוונה מקיים צו זיין די ענין פון גיין פיר אמות אין ארץ ישראל, דעמאלטס הייסט עס א מצוה. און אזוי אויך אויב ער פארט ארויף קיין ארץ ישראל פאר זיין ביזנעס, קען מען אויך מקיל זיין ארויסצופארן אין די דריי טעג נאנט צו שבת [וויבאלד בצירוף וואס דער רמ"א (סוף סעיף) איז מקיל אייביג אז אויב איינער וואס פארט פאר ביזנעס הייסט עס א מצוה]. אבער

**מִפְּנֵי פִּקּוּחַ נֶפֶשׁ; וְאִם נִכְנַס לְעִיר אַחַת בְּשַׁבָּת, מְהַלֵּךְ אֶת כֻּלָּהּ; וַאֲפִלּוּ הִנִּיחוּהוּ מִחוּץ לָעִיר וְרוֹצֶה לִכָּנֵס לָעִיר, מֻתָּר, דְּכֵיוָן דְּלִדְבַר מִצְוָה נְפַק יֵשׁ לוֹ אַלְפַּיִם אַמָּה לְכָל רוּחַ.**

**מִפְּנֵי פִּקּוּחַ נֶפֶשׁ** מעג ער ווייטער מיטגיין מיט די גרופע אפילו ער וועט גיין חוץ לתחום וויבאלד עס איז פיקוח נפש צו בלייבן אליינס אין מדבר, **וְאִם נִכְנַס לְעִיר אַחַת בְּשַׁבָּת** און אויב ער האט טאקע געגאנגען חוץ לתחום [וויבאלד עס איז געווען פיקוח נפש] און מען איז אנגעקומען אינמיטן שבת צו א שטאט, **מְהַלֵּךְ אֶת כֻּלָּהּ** מעג ער גיין אין די גאנצע שטאט [וויבאלד די סיבה פארוואס ער איז ארויס חוץ לתחום און אריינגעגאנגען אין די שטאט איז געווען 'בהיתר', וויבאלד עס איז דאך געווען סכנת נפשות], **וַאֲפִלּוּ הִנִּיחוּהוּ מִחוּץ לָעִיר** און אפילו ער האט זיך אפגעשטעלט אינדרויסן פון שטאט [און דארטן איז שוין נישטא קיין סכנה], **וְרוֹצֶה לִכָּנֵס לָעִיר** און ער וויל אריינגיין אין די שטאט, **מֻתָּר** מעג ער אריינגיין אינעם שטאט, **דְּכֵיוָן דְּלִדְבַר מִצְוָה נְפַק** וויבאלד ער איז ארויסגעגאנגען צו א מצוה [ארויפצוגיין קיין ארץ ישראל], **יֵשׁ לוֹ אַלְפַּיִם אַמָּה לְכָל רוּחַ** האט ער צוויי טויזנט אמה צו יעדע צייט, און ממילא מעג ער אויך אריינגיין אין די שטאט אויב עס איז אין די צוויי טויזנט אמה [געווענליך איז די הלכה אז אויב איינער גייט ארויס במזיד אינדרויסן פון די תחום שבת (צוויי טויזנט אמה) טאר ער נישט גיין נאר פיר אמה צו יעדע זייט, אבער אויב ער האט ארויסגעגאנגען מיט רשות (דאס מיינט עס איז געווען א פיקוח נפש וכדו'), מעג ער נאכאלץ גיין צוויי טויזנט אמה צו יעדע זייט, און ממילא דא וואס ער איז ארויפגעגאנגען קיין ארץ ישראל וואס דאס איז דאך א מצוה, און אינמיטן וועג האט זיך געמאכט אז אלס פיקוח נפש זאל ער ארויסגיין חוץ לתחום, נאכדעם וואס ער קומט אן צו א פלאץ וואס עס איז שוין מער נישט קיין פיקוח נפש האט ער צוויי טויזנט אמה צו יעדע זייט צו קענען דארט גיין][יב].

## פסקי המלך

איינער וואס פארט קיין ארץ ישראל סתם פאר אן אויספלוג (לטייל) בלייבט דער קונטרס אחרון מיט א ספק צי עס הייסט א מצוה, וויבאלד ער האט נישט אינזין די ענין פון גיין פיר אמות אין ארץ ישראל, און אזוי אויך גייט ער נישט פאר זיין ביזנעס. [מען זעט דא פונעם שלחן ערוך הרב א מורא'דיגע זאך אז אויב איינער פארט קיין ארץ ישראל סתם פאר אן אויספלוג און ער האט נישט די כוונה צו קענען מקיים זיין די ענין פון גיין פיר אמות אין ארץ ישראל, איז ער אפשר בכלל נישט מקיים די מצוה פון גיין פיר אמות אין ארץ ישראל, וועגן דעם זאל מען זען אז ווען מען פארט אמאל קיין ארץ ישראל זאל מען [אויך] אינזין האבן מקיים צו זיין די ענין פון גיין פיר אמות אין ארץ ישראל].

### וואס מיינט א חשש סכנה

**יב.** דער מג"א (סקט"ז) איז מסביר, וואס מיינט א חשש סכנה וואס ער מעג אפילו אין שבת ווייטער מיטגיין מיט די שיירא, למשל ער האט

## פסקי המלך

מורא אז אויב ער וועט בלייבן אליינס אינעם מדבר וועלן קומען רויבערס און צונעמען זיין בהמה און ער וועט נישט קענען ווייטער פארן, אדער מען וועט צונעמען זיין געלט און ער וועט נישט קענען קויפן עסן, אדער וועט מען צונעמען זיינע קליידער און ער קען ח"ו אויסגיין פון קעלט, דאס אלעס הייסט א חשש סכנה און ער מעג ווייטער גיין אינעם מדבר מיט די גרופע אפילו אין שבת.

### דוקא ווען ער איז ארויסגעפארן פאר א ריכטיגע מצוה האט ער צוויי טויזנט אמה

עס שטייט דא אין מחבר אז אויב מען האט ארויסגעפארן פאר א מצוה, און אינמיטן שבת קומט מען אן צו א שטאט [א פלאץ וואו עס איז שוין נישטא קיין סכנה צו בלייבן דארט אליינס], האט ער צוויי טויזנט אמה צו קענען גיין, זאגט דער מג"א (סקי"ז) אז דאס איז דוקא ווען ער איז געפארן פאר א ריכטיגע מצוה, אבער אויב ער איז געפארן צו האנדלען הייסט דאס נישט קיין ריכטיגע מצוה, און אויב ער וועט אנקומען אינמיטן שבת צו א שטאט וועט ער נישט האבן צוויי טויזנט אמה צו יעדע זייט נאר ער וועט האבן פיר אמה [אפילו לויט דעם רמ"א וואס זאגט אז פארן צו האנדלען הייסט א מצוה, אבער וויבאלד רוב פוסקים קריגן זיך און זיי האלטן אז עס הייסט נישט קיין מצוה וועט מען נאר אננעמען די קולא פון דעם רמ"א אז מען מעג ארויספארן אין די דריי טעג נאנט צו שבת, אבער בנוגע די איסור פון תחומין מוז עס זיין א ריכטיגע מצוה אויף צו קענען האבן צוויי טויזנט אמה].

### ווען מען פארט ארויס אין די ערשטע דריי טעג פון די וואך האט מען אויך צוויי טויזנט אמה

דער מג"א (סקי"ח) זאגט, אז איינער וואס פארט ארויס אין די ערשטע דריי טעג פונעם וואך אפילו ער פארט ארויס פאר א רשות [א זאך וואס עס איז נישט קיין מצוה], און שפעטער אינמיטן שבת האט ער געמוזט ארויסגיין חוץ לתחום, וויבאלד עס איז געווען פיקוח נפש צו בלייבן אליינס, און שפעטער איז ער אנגעקומען צו א באוואוינטע פלאץ, מעג ער גיין צוויי טויזנט אמה, וויבאלד די חכמים האבן אים געגעבן רשות ארויסצופארן אויף די נסיעה - אפילו אויב ער פארט אויף א דבר הרשות - אויב עס איז אין די ערשטע דריי טעג פונעם וואך, ממילא הייסט עס ווי ער האט געהאט רשות ארויסצוגיין חוץ לתחום אויב ער האט געהאט א סכנה אינמיטן די וועג. און ביי אן אופן וואס מען גייט ארויס חוץ לתחום מיט רשות איז די הלכה אז מען האט צוויי טויזנט אמה. [אבער ביי די פריערדיגע הלכה וואס מען האט געברענגט ווען איינער גייט ארויס אין די דריי טעג נאנט צו שבת צו 'האנדלען' דעמאלטס וועט ער נישט האבן צוויי טויזנט אמה, אזויווי מען האט שוין פריער געשריבן אז עס הייסט נישט ארויסגעגאנגען ברשות וויבאלד עס זענען דא אסאך שיטות וואס האלטן אז עס דארף זיין א ריכטיגע מצוה, און פארן צו האנדלען הייסט נישט קיין מצוה].

### איינער וואס האט נישט געוואוסט אז מען מעג נישט ארויספארן אין די דריי טעג נאנט צו שבת נאר פאר א מצוה

איינער וואס האט נישט געוואוסט די הלכה אז מען מעג ארויספארן אין די דריי טעג נאנט צו שבת, נאר אויב מען פארט ארויס פאר א מצוה, און ער איז ארויסגעפארן אין די דריי טעג נאנט צו שבת פאר א 'רשות', און נאכדעם אין שבת האט ער געדארפט ארויסגיין חוץ לתחום וויבאלד עס איז געווען א סכנה, און דערנאך איז ער אנגעקומען צו א שטאט, זאגט דער מג"א, אז ער מעג אויך גיין צוויי טויזנט אמה, וויבאלד ער האט געמיינט אז מען מעג ארויספארן, האט ער די הלכה ווי א 'שוגג' [אזויווי די כלל איז 'אומר מותר שוגג הוא', איינער וואס מיינט אז עס איז מותר האט א הלכה ווי א שוגג].

הגה: יֵשׁ אוֹמְרִים שֶׁכָּל מָקוֹם שֶׁאָדָם הוֹלֵךְ לִסְחוֹרָה אוֹ לִרְאוֹת פְּנֵי חֲבֵרוֹ חָשׁוּב הַכֹּל דְּבַר מִצְוָה וְאֵינוֹ חָשׁוּב דְּבַר הָרְשׁוּת, רַק כְּשֶׁהוֹלֵךְ לְטַיֵּל; וְעַל כֵּן נָהֲגוּ בִּקְצָת מְקוֹמוֹת לְהָקֵל בְּעִנְיַן הַפְלָגַת הַסְּפִינוֹת וַהֲלִיכַת שַׁיָּרָא תּוֹךְ שְׁלֹשָׁה יָמִים, כִּי חוֹשְׁבִים הַכֹּל לִדְבַר מִצְוָה; וְאֵין לִמְחוֹת בְּיָדָן, הוֹאִיל וְיֵשׁ לָהֶם עַל מִי שֶׁיִּסְמֹכוּ.

(רמ"א) **הגה, יֵשׁ אוֹמְרִים שֶׁכָּל מָקוֹם שֶׁאָדָם הוֹלֵךְ לִסְחוֹרָה אוֹ לִרְאוֹת פְּנֵי חֲבֵרוֹ** עס זענען דא שיטות וואס האלטן אז איינער וואס וויל גיין אויפ'ן וועג כדי צו האנדלען אדער כדי זיך צו גיין זען מיט זיין חבר, **חָשׁוּב הַכֹּל דְּבַר מִצְוָה** ווערט דאס אלעס אויך גערעכנט ווי ער גייט צו א 'דבר מצוה' [ממילא מעג ער ארויספארן אויך אין די דריי טעג נאנט צו שבת], **וְאֵינוֹ חָשׁוּב דְּבַר הָרְשׁוּת רַק כְּשֶׁהוֹלֵךְ לְטַיֵּל** און עס הייסט נישט קיין דבר הרשות נאר איינער וואס פארט צו סתם אן אויספלוג (וועקעיש"ן), **וְעַל כֵּן נָהֲגוּ בִּקְצָת מְקוֹמוֹת לְהָקֵל בְּעִנְיַן הַפְלָגַת הַסְּפִינוֹת וַהֲלִיכַת שַׁיָּרָא תּוֹךְ שְׁלֹשָׁה יָמִים** און וועגן דעם פירט מען זיך אין געוויסע פלעצער מקיל צו זיין צו מעגן ארויספארן אין א שיף, אדער ארויסגיין מיט א גרופע אין מדבר אפילו אין די דריי טעג נאנט צו שבת, **כִּי חוֹשְׁבִים הַכֹּל לִדְבַר מִצְוָה** וויבאלד אין די פלעצער רעכנט מען אלע זאכן פאר א 'דבר מצוה', **וְאֵין לִמְחוֹת בְּיָדָן הוֹאִיל וְיֵשׁ לָהֶם עַל מִי שֶׁיִּסְמֹכוּ** און מען דארף נישט מוחה זיין אין די אידן וואס זענען מקיל דערין וויבאלד זיי האבן אויף וועמען זיך צו פארלאזן[יג].

## פסקי המלך

**יג.** דער רמ"א ברענגט דא א שיטה וואס האלט אז אויב מען גייט ארויס אויפ'ן וועג צו האנדלען אדער זיך צו טרעפן מיט זיין חבר הייסט דאס אלעס אויך א מצוה און מען מעג ארויספארן אין די דריי טעג נאנט צו שבת.

אפילו אויב מען האט שוין געלט און מען
פארט צו מאכן מער געלט הייסט עס א מצוה

דער מג"א (סקי"ח) זאגט, אז אפילו איינער האט געלט צו קענען לעבן, נאר ער פארט האנדלען צו קענען מאכן מער געלט [להרווחה] און זיין ביזנעס זאל זיך פארברייטערן, אפילו אזוי הייסט עס אויך א מצוה.

מען דארף לכאו' פארשטיין, גאנץ גוט איינער וואס האט נישט קיין געלט צו שפייזן זיך און זיין משפחה און ער גייט ארבעטן זיך צו קענען שפייזן פארשטייט מען פארוואס עס הייסט א מצוה, אבער איינער וואס האט שוין אסאך געלט און ער גייט האנדלען צו מאכן מער געלט פארוואס זאל דאס הייסן א מצוה.

די חידוש פונעם חתם סופר אז אויב מען גיבט מעשר
ברבים ווערט מען געבענטשט מיט א ריזיגע השפעה

עס זענען דא וואס שטעלן צו דערויף א פלא'דיגע חתם סופר (דרשות, שבת הגדול דרוש כז, רמט ב) אויפ'ן הפטרה שבת הגדול (מלאכי ג, ח-י), אז דער באשעפער רעדט זיך אפ, אז די אידן האבן אים גע'גזל'ט דורכדעם וואס מען האט נישט געגעבן קיין תרומה ומעשר, און דער באשעפער זאגט ווייטער 'ובחנוני נא בזאת אם לא אפתח לכם ארובות השמים והריקותי לכם ברכה "עד בלי די"' [פרוואו מיך אויס אויב איך גיי ענק נישט עפענען די הימלען צו באצאלן פארן אראפנעמען תרומה ומעשר און איך גיי

## פסקי המלך

ענק באגיסן מיט ברכות און השפעות אן קיין גבול], זאגט דער חתם סופר א חידוש, אז ווען מען גיבט סתם מעשר פאר זיך און נישט ברבים מיט א ציבור אידן, דורכדעם ווערט מען סתם רייך, אבער אויב מען גיבט ברבים דעמאלטס ווערט געזאגט דער פריערדיגער פסוק אז מען וועט באקומען השפעות אן קיין גבול [וויבאלד עס איז דא דערביי אויך די כח הרבים], און אפילו א מענטש וועט זאגן אז עס איז מיר גענוג אז איך ווער סתם רייך און איך דארף נישט אזא ריזיגע השפעה, וועגן דעם וועט ער געבן מעשר פאר זיך און נישט ברבים, אבער נאכאלץ ווערט דאס גערעכנט ווי ער גזל'ט פונעם אייבערשטן וויבאלד אויב מען האט מער געלט קען מען געבן מער תרומה און מעשר, און דאס האט זיך דער אייבערשטער אפגערעדט אז מען גיבט נישט קיין תרומה ומעשר ברבים, און ממילא קען מען נישט באקומען די גאר גרויסע עשירות אן קיין גבול, און ממילא ווערט דאס גערעכנט ווי מען גזל'ט פון דעם אייבערשטן די אלע תרומות און מעשרות וואס מען וואלט געקענט געבן.

ווי מער געלט מען האט אלץ מער
צדקה און מעשים טובים קען ער טון

און לויט דעם חתם סופר קען מען אויך פארשטיין פארוואס ווען איינער האט שוין אסאך געלט און ער פארט צו מאכן מער געלט הייסט דאס אויך א מצוה, וויבאלד ער פארט צו קענען אראפנעמען מער מעשר און צו קענען טון מיט זיין געלט מער מצוות און מעשים טובים.

פארן זיך טרעפן מיט א חבר
און מרבה זיין שלום ביי אידן

דער רמ"א זאגט אויך, אז ווען איינער פארט ארויס אויפ'ן וועג זיך צו טרעפן מיט א חבר הייסט דאס אויך א מצוה, און עס איז משמע פונעם רמ"א אז נישט נאר אויב מען איז געווען צוקריגט און מען פארט צו מאכן שלום דוקא דעמאלטס הייסט עס א מצוה, נאר אפילו אויב מען איז נישט געווען צוקריגט נאר מען פארט סתם צו פארמערן דאס שלום איז עס אויך א מצוה, וויבאלד ער איז מקיים די מצוה פון 'ואהבת לרעך כמוך' וואס אין דעם ליגט אויך צו פארמערן אהבה ואחוה צווישן אידן.

ווען מען פארט אויף וואקאציע מיט די ריכטיגע כוונה

דער רמ"א זאגט, אז אלעס הייסט א מצוה חוץ אויב מען פארט סתם אויף וואקאציע הייסט עס נישט קיין מצוה. און מען קען אפשר צולייגן אז אויב ער האט נישט קיין מנוחת הנפש, און די כוונה פון פארן אויף וואקאציע איז נאר כדי צו קענען האבן מנוחת הנפש און הרחבת הדעת צו קענען בעסער לערנען און דאווענען הייסט דאס אויך א מצוה, און מען קען זיך פארלאזן ארויסצופארן אין די דריי טעג נאנט צו שבת, און דאס וואס דער רמ"א שרייבט אז פארן 'לטייל' הייסט נישט קיין מצוה רעדט ער ווען מען פארט סתם אויף וואקאציע אן קיין וויכטיגע סיבה.

ביי אן אופן וואס מען גייט זיכער דארפן
מחלל שבת זיין זאל מען נישט אננעמען די
קולא אז אלעס ווערט גערעכנט ווי א מצוה

דער מג"א (סק"כ) זאגט, אז ווען מען פארט מיט א שיירא אין א מדבר וואס דעמאלטס איז דאך די מציאות אז מען וועט זיכער דארפן מחלל שבת זיין [וויבאלד מען וועט דארפן גיין חוץ לתחום], ביי דעם אופן זאל מען נישט אננעמען די קולא פונעם רמ"א אז אלעס ווערט גערעכנט ווי א מצוה. דער מג"א (סקי"ד) פאר זיך האלט אז ביי אן אופן וואס מען וועט זיכער דארפן מחלל שבת זיין טאר מען קיינמאל נישט ארויספארן, אפילו זונטאג, און אפילו מען פארט ארויס פאר א ריכטיגע מצוה, אזוי ווי מיר האבן שוין פריער געשריבן. נאר דער מג"א דא שרייבט אז אפילו לויט דער וואס קריגט זיך אויף דעם און האלט אז מען מעג יא ארויספארן אפילו אויב מען וועט זיכער דארפן מחלל שבת זיין, זאלן זיי נישט מקיל זיין אזוי ווי דער רמ"א

## פסקי המלך

שרייבט דא אז אלעס ווערט גערעכנט ווי א מצוה [ווייל מען וועט נישט זאגן צוויי קולות, איינס, אז מען פארט ארויס אויף אזא פלאץ וואס מען וועט זיכער דארפן מחלל שבת זיין, צוויי, אז אלעס ווערט גערעכנט ווי א מצוה]. און אזוי ברענגען אויך למעשה דער שלחן ערוך הרב (סי״ג) און דער משנ״ב (סקל״ה).

אין פלעצער וואס מען פירט זיך נישט מקיל צו זיין

דער אלי׳ רבא (סקי״ז) זאגט, אז אין אזעלכע פלעצער וואס מען פירט זיך נישט מקיל צו זיין אז אלעס ווערט גערעכנט ווי א מצוה, זאלן זיי ׳נישט׳ מקיל זיין דערין [נישט נאר ביי א שיירא וואס מען וועט זיכער דארפן מחלל שבת זיין, נאר אפילו מען וועט נישט זיכער דארפן מחלל שבת זיין זאל מען אויך נישט מקיל זיין און מען זאל נישט ארויספארן אין די דריי טעג נאנט צו שבת], וויבאלד עס זענען דא אסאך שיטות וואס האלטן אז עס דארף זיין א ריכטיגע מצוה צו קענען ארויספארן אין די דריי טעג נאנט צו שבת. און אזוי ברענגט אויך למעשה דער משנ״ב (סקל״ו).

עס זענען געשטאנען אין דעם סימן די הלכות פון ארויספארן פאר שבת מיט א שיירא אין א מדבר, אויב מען ווייסט אז מען וועט דארפן מחלל שבת זיין, און מען האט געברענגט די שיטה פונעם מג״א, אז אויב מען ווייסט אויף זיכער אז מען וועט דארפן מחלל שבת זיין, דעמאלטס טאר מען נישט ארויספארן.

דער אור החיים הקדוש איז
געבליבן שבת אליינס איבער מדבר

דער קאמארנער (שלחן הטהור בזר זהב אות ב׳) ברענגט אראפ א פלא׳דיגע מעשה וואס האט פאסירט מיט׳ן אור החיים הקדוש. דאס איז געווען ווען ער איז ארויפגעפארן קיין ארץ ישראל, איז ער געפארן מיט א גרופע אין מדבר, און ווען עס איז אנגעקומען שבת האט די גרופע נישט געוואלט בלייבן שטיין, נאר זיי האבן געזאגט אז זיי גייען פארן ווייטער. האט דער אור החיים הקדוש געזאגט אז היינט איז שבת קודש און מען טאר נישט פארן חוץ לתחום, און אזוי אויך טאר מען נישט פירן קיין בהמה מיט זאכן דערויף אין שבת, און אויב מען וועט פארן ווייטער וועל איך מוזן בלייבן דא. אבער די גרופע האט זיך נישט געוואלט צוהערן נאר זיי האבן געזאגט אז זיי גייען ווייטער. און דער אור החיים הקדוש איז טאקע געבליבן דארט אליינס אינעם מדבר. און אמאליגע צייטן איז געווען א מורא׳דיגע סכנה צו בלייבן אליינס אין א מדבר, וויבאלד עס זענען דארט געווען פיל סכנה׳דיגע חיות און שלענג, אזוי אויך האבן זיך דארט ארומגעדרייט גרופעס פון מערדערליכע רויבערס און עס איז געווען ממש סכנת נפשות צו בלייבן דארט אליינס, און חוץ פון דעם האט דער אור החיים הקדוש נישט געקענט דעם וועג אליינס און ער וואלט נישט געקענט גיין ווייטער. אבער אפילו אזוי האט דער אור החיים הקדוש נישט געקוקט אויף גארנישט נאר ער איז געבליבן דארט אליינס. האט דער אייבערשטער געמאכט א גרויסע נס אז עס איז געקומען דארט א לייב און זיך געזעצט נעבן דעם אור החיים הקדוש, און גאנץ שבת האט דער לייב אפגעהיטן דעם אור החיים הקדוש פון אלע ווילדע חיות און רויבערס וואס האבן דארט געוואלט צוקומען. און אזוי אויך האט דער אייבערשטער געמאכט אז די גרופע זאל זיך פארבלאנדזשענען און זיי זענען צוריק אנגעקומען צו די פלאץ וואו דער אור החיים הקדוש האט זיך אויפגעהאלטן און אזוי האט דער אור החיים הקדוש געקענט ווייטער מיטפארן מיט די גרופע.

דער ערשטער וואס ברענגט די
מעשה איז דער קאמארנער

די מעשה ווערט נישט דערמאנט אין די ספרים פונעם אוהחה״ק, און אויך ווערט עס

## פסקי המלך

נישט אראפגעבערענגט אין די ספרים פון א דור נאך דעם אוהחה״ק, נאר דער ערשטער וואס דערמאנט עס איז דער קאמארנער און מן הסתם האט ער עס געהערט איש מפי איש ארויף צום אוהחה״ק.

ברמז ווערט עס דערמאנט
אינעם הסכמה פון ׳חכמי ארגיל׳

אבער די ניסים וואס דער אוהחה״ק האט געהאט ווערן שוין דערמאנט ברמז אינם הסכמה וואס דער אוהחה״ק האט באקומען פון די רבנים אין שטאט ארגיל, ווען דער אוהחה״ק איז ארויף פון מאראקא קיין ארץ ישראל האט ער זיך אויפגעהאלטן א צייט אין די שטאט, און זיי שרייבן דארט גאר גרויסע טיטלען אויפ׳ן אוהחה״ק און אינצווישן שרייבן זיי: ״זיין גרויסע יראת שמים דאס האט אים אפגעהיטן אין זיינע וועגן וואס ער איז געגאנגען, און אסאך ניסים זענען אים געשען אויפ׳ן וועג, ווען ער איז געווען אין א מקום סכנה״ וכו׳.

דער אוהחה״ק דערמאנט עס
ברמז אינעם הקדמה צום ספר

און אזוי אויך דער אוהחה״ק אליינס דערמאנט די ניסים וואס ער האט געהאט אויפ׳ן וועג אין זיין הקדמה אויפ׳ן ספר אור החיים הק׳: ״דער אייבערשטער האט מיר אריינגעשיינט אין מיין שכל ארויפצוגיין צו די פלאץ וואו די שכינה רוט, די דערהויבענע און באליבטע שטאט וכו׳, און איך האב אנגעגאַרטלט ווי א גיבור מיינע לענדן און איך האב מיך אריינגעלייגט אין גרויסע סכנות, דורך די וועג פונעם מדבר בין איך געקומען״ וכו׳.

שלוחי מצוה אינן ניזוקין

אונז האבן נישט קיין השגה אין די גרויסקייט פונעם אוהחה״ק, אבער בדרך אפשר קען מען מסביר זיין אויף וואס דער אוהחה״ק האט זיך פארלאזט צו בלייבן אינעם מדבר אליינס שבת אפילו עס איז געווען א גרויסע סכנה, דאס איז לויט די ווערטער פונעם חתם סופר וואס איז מסביר (פרשת שלח, ד״ה שלח א׳) פארוואס מען מעג ארויספארן לצורך מצוה אין די דריי טעג נאנט צו שבת אפילו אויב מען ווייסט אז מען וועט אפשר צוקומען צו א סכנה און מען וועט דארפן מחלל שבת זיין, זאגט דער חתם סופר א חידוש, אז פונקט פארקערט, ווען מען פארט ארויס פאר א מצוה איז דאך דא דערביי די הבטחה פון די גמרא (פסחים ח:) שלוחי מצוה אינן ניזוקין, און ממילא קען מען רואיג אננעמען אז לכאו׳ וועט מען בכלל נישט צוקומען צו קיין סכנה, און די זעלבע קען מען אפשר זאגן דא ביי דעם אוהחה״ק אז וויבאלד ער איז דאך ארויפגעפארן קיין ארץ ישראל און עס איז דאך א גרויסע מצוה און ממילא האט דער אוהחה״ק געפילט אויף זיכער אז ער וועט נישט געשעדיגט ווערן.

די מחלוקת פון די חסידים און די מתנגדים

עס איז געווען אין די צייטן פון דעם רַב הרה״ק ר׳ שניאור זלמן מליאדי זי״ע, דעמאלטס איז שוין דער דרך החסידות געווען זייער שטארק פארשפרייט, און ווי פארשטענדליך איז דאס געווען ווי א דארן אין די אויגן פון די מתנגדים. עס איז געווען אין יאר תקנ״ט ווען דער ווילנער גאון זצ״ל איז אוועק פון דער וועלט, האט זיך דעמאלטס גאר שטארק צעפלאקערט די מחלוקת, און דער רַב האט געבעטן פון זיינע חסידים אז מען זאל נישט אנרירן דעם כבוד פונעם גאון, אבער נישט אלע האבן זיך איינגעהאלטן פון רעדן אקעגן דעם גאון, און דאס איז געגאנגען אזויוויט אז די מתנגדים האבן איינגעגעבן א מסירה אקעגן דעם רַב, און זיי האבן גע׳מסר׳ט אז דער רַב פירט אן א גאנצע מערכה אקעגן די רעגירונג.

מען האט ליידער פאר׳מסר׳ט דעם רַב

עס איז געווען נאך סוכות אין יאר תקנ״ט, דער רב האט זיך דעמאלטס צוריקגעקערט

**סעיף א.** אין דעם סעיף וועט שטיין די איסור
פון גיין דריי פרסאות ערב שבת

# סימן רמט
## דינים השיכים לערב שבת
ובו ד׳ סעיפים

**א** אֵין הוֹלְכִים בְּעֶרֶב שַׁבָּת יוֹתֵר מִשָּׁלֹשׁ פַּרְסָאוֹת א מענטש זאל נישט גיין ערב שבת אויף א וועג וואס עס איז מער ווי דריי פרסאות ווייט [איין פרסה איז פיר מיל, דריי פרסאות איז צוועלף מיל], כְּדֵי שֶׁיַּגִּיעַ לְבֵיתוֹ בְּעוֹד הַיּוֹם גָּדוֹל [די טעם פארוואס מען טאר נישט ארויספארן איז] וויבאלד ער זאל נאך האבן צייט אנצוקומען צוריק צו זיין הויז ווען דער טאג איז נאך גרויס [עס איז נאך דא גענוג צייט אין דעם טאג

**א אֵין הוֹלְכִים בְּעֶרֶב שַׁבָּת יוֹתֵר מִשָּׁלֹשׁ פַּרְסָאוֹת, כְּדֵי שֶׁיַּגִּיעַ לְבֵיתוֹ**

### פסקי המלך

פונעם דאווענען, איז דעמאלטס אנגעקומען א רעגירונג-באאמטע און געזאגט אז ער איז געקומען ארעסטירן דעם רַב און טראגן קיין פעטערבורג [אין פעטערבורג - דער דעמאלטסדיגער הויפט-שטאט פון רוסלאנד - פלעגט מען נאר טראגן גרויסע פאליטישע פארברעכער], מען האט געזאגט פאר׳ן רַב אז אפשר איז כדאי אז ער זאל אנטלויפן, אבער דער רַב האט נישט מסכים געווען וויבאלד דאס וועט מאכן דעם איינדרוק אז ער איז טאקע עפעס שולדיג, אבער וויבאלד ער ווייסט אז ער איז אומשולדיג וויל ער דא בלייבן.

דער רַב וויל נישט פארן אין שבת

דער רַב האט זיך טאקע איבערגעבן פאר די רעגירונג באאמטע, און מען איז ארויסגעפארן צום שטאט פעטערבורג. אינמיטן וועג ערב שבת האט דער רַב געבעטן אז מען זאל נישט פארן אין שבת, האט דער באאמטער געזאגט אז דאס קומט נישט אין באטראכט וויבאלד ער איז באפוילן געווארן צו ברענגען דעם רַב ווי שנעלער קיין פעטערבורג. און וויפיל דער רַב האט זיך געבעטן האט עס גארנישט געהאלפן. האט זיך דער רַב אויסגעדרוקט: ״איך האב נאך אין מיין לעבן נישט מחלל שבת געווען, און דער אייבערשטער וועט מיר אוודאי העלפן אז איך זאל נישט דארפן מחלל שבת זיין״.

דער וואגן ווערט צעבראכן
און מען קען נישט פארן אין שבת

עס זענען דורך אפאר שעה און עס איז געווארן חצות, און דעמאלטס איז דער וואגן ארויסגעפארן פון א געוויסע דארף און אויפ׳ן וועג ארויס האט זיך דער וואגן אנגעשטויסן אין א שטיין, און עס האט זיך צעבראכן א וויכטיגע חלק פונעם וואגן, האט מען זיך געמוזט צוריקדרייען צום דארף און זוכן א שמיד וואס קען פארעכטן דעם וואגן. למעשה האט זיך נישט געפינען אינעם גאנצן דארף קיין איינער וואס זאל עס קענען פארעכטן, נאר אין אן אנדערע דארף האט זיך געפינען איינער וואס קען עס פארעכטן, און ביז יענער איז אנגעקומען און יענער האט אויך פאראכטן גאנץ לאנגסאם, איז שוין געווארן מוצאי שבת און דעמאלטס איז דער וואגן געווארן גרייט צו פארן ווייטער.

אלע האבן געזען די גרויסקייט פונעם רַב

די קומענדיגע וואך האבן זיי שוין פון זיך אליין זיך אפגעשטעלט בעפאר שבת זעענדיג אז מען האנדלט דא מיט א הייליגן ראבינער. דערנאך ווען זיי זענען אנגעקומען קיין פעטערבורג האבן די רעגירונג באאמטע געזאגט אז מען זאל אים באהאנדלען מיט ערע וויבאלד ער איז גאר א הייליגער פערזאן.

**בְּעוֹד הַיּוֹם גָּדוֹל וְיוּכַל לְהָכִין צָרְכֵי סְעֻדָּה לְשַׁבָּת, בֵּין שֶׁהוֹלֵךְ לְבֵית אֲחֵרִים בֵּין שֶׁהוֹלֵךְ לְבֵיתוֹ; וְהָנֵי מִילֵּי כְּשֶׁהוּא בַּיִּשּׁוּב, בְּמָקוֹם שֶׁיּוּכַל לְהָכִין צָרְכֵי**

פאר עס ווערט שבת], **וְיוּכַל לְהָכִין צָרְכֵי סְעֻדָּה לְשַׁבָּת** און ער זאל קענען אנגרייטן די עסן פאר די סעודות שבת, **בֵּין שֶׁהוֹלֵךְ לְבֵית אֲחֵרִים** די איסור פון גיין מער ווי דריי פרסאות איז סיי אויב ער וויל פארן אויף שבת צו א הויז פון אן אנדערן איד [און די וועג דויערט מער ווי דריי פרסאות, מעג ער נישט אהינפארן ערב שבת, וויבאלד ער וועט נישט האבן קיין צייט אנצוגרייטן דארט די עסן], **בֵּין שֶׁהוֹלֵךְ לְבֵיתוֹ** סיי אויב ער געפינט זיך יעצט אין אן אנדערן פלאץ און ער וויל יעצט ערב שבת פארן צו זיין אייגענע הויז [און די וועג דויערט לענגער ווי דריי פרסאות מעג ער אויך נישט אהינפארן, וויבאלד זיין הויז-געזונד ווייסט נישט אז ער וועט קומען וועלן זיין נישט צוגרייטן די עסן פאר אים, און ער וועט נישט האבן קיין צייט עס אנצוגרייטן][א], **וְהָנֵי מִילֵּי כְּשֶׁהוּא בַּיִּשּׁוּב בְּמָקוֹם שֶׁיּוּכַל לְהָכִין**

## פסקי המלך

**א.** עס שטייט דא אין שלחן ערוך אז מען זאל נישט ארויספארן ערב שבת אויף א וועג וואס איז מער ווי דריי פרסאות כדי ער זאל האבן צייט אנצוגרייטן די עסן פאר שבת.

### ווען מען פארט מיט א וואגן/קאר קען מען גיין לענגער

עס שטייט אין מג"א (סק"א), אז די דאזיגע שיעור פון 'דריי פרסאות' איז נאר ווען מען גייט מיט די פיס, אבער אויב מען פארט מיט א וואגן מעג מען גיין מער ווי דריי פרסאות. און לויט דעם מג"א קומט אויס אז היינטיגע צייטן וואס מען פארט מיט קארס קען מען אויך גיין מער ווי דריי פרסאות.

### לויט דעם שלחן ערוך הרב מעג מען פארן א וועג פון פיר שעה אכט און פערציג מינוט

דער שלחן ערוך הרב (ס"ג) לערנט אפ דעם מג"א אז מען דארף אויסרעכענען ווילאנג עס דויערט צו גיין מיט די פיס דריי פרסאות, און אזוי סאך צייט וועט מען מעגן פארן מיט א וואגן [און מיט א קאר היינטיגע צייטן]. און דער שלחן ערוך הרב ברענגט, אז די שיעור פון גיין דריי פרסאות מיט די פיס איז פיר שעה און אכט און פערציג מינוט, וויבאלד דער רב גייט דא מיט זיין שיטה אז א שיעור פון גיין א מיל איז פיר און צוואנציג מינוט, און ממילא קומט אויס אז דריי פרסאות וואס איז צוועלף מיל איז פיר שעה מיט אכט און פערציג מינוט.

### אנדערע שיטות אין די שיעור פון א מיל

אבער דער מהרי"ל און דער גר"א האלטן, אז א שיעור מיל איז צוויי און צוואנציג און א האלב מינוט, קומט אויס אז דריי פרסאות זענען פיר און א האלב שעה. און לויט דעם אנגענומענעם שיטה אז א שיעור מיל איז אכצן מינוט, קומט אויס אז דריי פרסאות איז דריי שעה מיט זעקס און דרייסיג מינוט. [קוק שפעטער אין סימן רס"א אין פסקי המלך וואס מען האט דארט אראפגעברענגט נאך שיטות איבער די שיעור פון א מיל.]

### מען מעג פארן אפילו ביז נאנט צום זמן

אבער אסאך אחרונים האבן אפגעלענט דעם מג"א אז ער איז מתיר ווען מען פארט מיט א וואגן אפילו מער ווי די שיעור פון דריי פרסאות ווילאנג ער וועט נאך אנקומען אביסל פאר'ן זמן. און דער פרמ"ג (אשל אברהם סק"א) איז מסביר די טעם פון די שיטה, וויבאלד נאר ווען מען גייט